STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04459

MOSHEH'LES KINDERYORN

David Kassel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דינעזאָן־שול־פאַרלאַג.

יוגנט־ביבליאָטעק.

דוד קאַסעל.

משה'לעס קינדעריאָרן.

אַרויסגעגעבן
פון „צענטראַלן דינעזאָן־שול־קאָמיטעט"

מענדעלע ביבליאָטעק
פרץ שול
וויניפעג

וואַרשע, תרפ"א.

BIBLJOTEKA DLA MŁODZIEŻY
:: :: :: DAWID KASSEL :: :: ::
:: MOJSZELES KINDERJORN ::
Wydawnictwo Szkolne im. Dynesona
:: :: :: Warszawa — 1921. :: :: ::

:: Druk. „FENIKS", R. Wileńskiego, Graniczna 14. ::

ערשטעס קאַפּיטל.

גוט איז זומער נישט גיין אין חדר צוליב רבי־געלד, באַקן זיך אויף דער זון, ליגן שעה'נווייז אין טייך, אַרומטרייבן זיך מיט יינגלעך, עסן האַרטע גרינע עפּל, וואַרפן שטיינער אין פרעמדן פענסטער, אַרויפכאַפּן זיך אויף א פור בשעת דער פורמאַן זעט ישט, שפּילן זיך מיט אַ הינטל, האָדעווען טויבן, צעשלאָגן זיך מיט אַ [illegible] קרימען אַ קאַליקע און וואָס ווייניקער שלאָפן.

גוט איז אויך צו ליגן זומער מיט'ן פּנים אַרויף אויף א ברייט פעלד מיט זאַנגן, אין שכנות מיט די שטילע בלאָע קאָרנבלימלעך און זיך אָן מחשבות צוהאָרכן צום וויטן סקריפּ פון אַ וואָגן, צום טרוקענעם און פרייליכן טשוויטשערן פון פייגל, צום באַסיקן זשומען פון בינען, צו דער לאַכעדיקער זאַווערוכע פון פראָשן־קולות, צום פאַרטראַכטן אָפּגעהאַקטן האַווקען פון אַ וויטן דאָרף־הונט און צו די טויזענטער־טויזענטער קלאַנגען אין גראָז און אין די קאָרן און אויפ'ן שטויביקן וועג און אויפ'ן בלאָען הימל אפילו.

נאָר גוט איז אויך אויפצושטיין גאָר פרי, אויפרייסן,

זוי משה׳לע, ברייט די אויגן און מיט אַ פֿאַרצאַפּלט הערצל אַרויסקוקן דורכ׳ן קליינעם פענסטערל אויף גאָטס ליכטיקער וועלט. מען דאַרף זיך נישט אָנטאָן, מען באַדאַרף זיך נישט וואַשן— מען דאַרף נאָר קוקן.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער הויף איז גרויס און אָרים און וויסט, אָן ביימער און אָן גראָז. עס איז גענוג דאָס הילצערנע הייזל מיט׳ן מאָך־באַוואַקסענעם דאַך, וואָס שטייט אַנטקעגן משה׳לעס פענסטערל, און דער לאַנגער גראָער פּאַרקאַן, וואָס ציט זיך דערביי, און די שטיקלעך גלאָז, וואָס לייכטן־אַרויס ווי ווייסע פייערלעך פון דער ערד, און דאָס פייגעלע, וואָס פליט פריילעך אַדורך מיט אַ טרוקענעם שטרוי אין שנאָבל, און דער בלאָער הימל, וואָס הענגט אין דער הייך ווי אַ פונאַנדערגעעפנטער בלאָ־זיידענער שירם, און די זון, וואָס פלייצט מיט בלענדענדיקען ליכט. דער גאַנצער הויף טובל׳ט זיך אין וואַרימען גאָלדענעם ליכט, און מער ווי דאָס באַדאַרף מען נישט. וואָרום אַז עס איז דאָ זון אויפ׳ן הימל, איז נישטאָ קיין נויט אויף דער וועלט, איז אַלץ גוט.

משה׳לע וואָלט לאַנג געקוקט דורכ׳ן פענסטערל, אַלע טאָג מיט דערזעלבער נייגיריגקייט און דורשט, ווען נישט די מאַמע, וואָס שלעפּט אים פאַר׳ן הענטל — ער זאָל זיך אָנטאָן, וואַשן און דאַוונען, און ווען נישט שיינדעלע, וואָס שמייכלט פון ווייטן אין גאָלד פון דער זון.

שיינדעלע איז שוין לאַנג אויפ׳ן הויף. זי שטייט־אויף זייער פרי. דאַוונען דאַרף זי נישט. אַמאָל גייט זי פאַרביי דאָס פענסטערל, זוכט כלומר׳שט עפּעס אויף דער ערד און פאַרשווינדט באַלד הינטער דער שטוב. אַמאָל הערט זיך ווי זי זינגט ערגעץ פון אַ ווינקל הויף. דאָס שטימעלע איז יונג, דין און וואונדערלעך זיס. נאָר משה׳לע מוז דאַוונען. דאַוונען מוז ער, נישט נאָר צוליב דעם וואָס די מאַמע הייסט, אָבער אויך צוליב דעם וואָס ער אַליין וויל עס.

משה׳לע איז פון נאַטור זייער אַ פרום ייִנגעל און האָט זיך זיין פאָרשטעלונג וועגען גאָט. אויפ׳ן הימל זענען דאָ גאָלדענע פאַלאַצן און גאָט זיצט אין דעם שענסטן פון זיי. ווי שיין

דאַרף עס זיין, ווען אַזאַ קליין צען־יעריג ייִנגעלע שטייט אויף דער ערד און דאַוונט פאַר גאָט, וואָס זיצט אויפ׳ן הימל אין אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ? קוקט גאָט אַראָפּ פונ׳ם גאָלדענעם פּאַלאַץ צו דעם ייִנגעלע אויף דער ערד און שמייכלט, ווי אַ גוטער פאָטער, וואָס איז שטאַרק צופרידן מיט זיין קינד. נאָר זומער טוט משה׳לע עבירות און די ערשטע און גרעסטע פון זיי איז די, וואָס ער דאַוונט שלעכט און איילנדיק. גאָט זיצט טאַקי אין גאָלדענעם פּאַלאַץ און קוקט אַראָפּ, אָבער ביי משה׳לען לויפן אין דאַוונען די געדאַנקען און עס ווילט זיך זען שיינדעלען און זיין אין דרויסן. פאַראַן נאָר איין סגולה דערצו: שטעלן זיך אין אַ ווינקל, אויפהייבן די אויגן צום הימל און אָפּזאָגן מיט הארץ און מיט אַ ריינעם קאָפּ, אָן זייטיקע געדאַנקען, אַ קורצע תּפילה, מיט יידישע ווערטער, וואָס ער האָט איינמאָל, אין אַזאַ מינוט, פאַרפאַסט.

און די תּפילה איז אַזאַ:

„רבונו־של־עולם! זיי מיר מוחל. איך האָב דיך ליב ווי מיין טאַטען און מאַמען און נאָך ליבער, און איך האָב פאַר דיר מורא. היינט דאַוון איך נישט גוט, דערפאַר וועל איך הייִנטיקן טאָג קיין שום עבירה נישט טאָן. גאָטעניו, איך האָב דיך ליב, ווי דער ווילנער גאָ׳ן האָט דיך ליב געהאַט”.

טיף אין האַרצן פילט משה׳לע, אַז אָט די קורצע תּפילה, וואָס איז אַ סוד און קיינער ווייס ביי אים נישט פון איר, האָט אפשר מער וואָג ווי דאָס גאַנצע לאַנגע דאַוונען. טיילמאָל דאַכט זיך אים, אַז גאָט הערט זיך־צו צו יעדעס וואָרט זיינס און איז אים מוחל. דעמאָלט דערפילט ער צו גאָט נאָך אַ גרעסערע ליבע און אויפ׳ן האַרצן ווערט וואונדערלעך לייכט. די דאָזיקע לייכטקייט איז אויך אַ פיזישע: פונקט ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט אים אַראָפּגעפאַלן פון קאַרק.

איצט איז ער אינגאַנצן פריי. אָפּגעטרונקען טיי, לאָזט זיך משה׳לע אַרויס אויפ׳ן הויף, און דאָ באַגעגענען זיך צוויי קינדער—אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע. דאָס ייִנגעלע האָט פאַרטראַכטע גראָע אויגן, אַ דין העלדזל און דינע הענטלעך. זיינע באַוועגונגען

זענען צוריקגעהאַלטענע און אָנגעשטרענגטע, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס טראַכט אַסך. דערפאַר איז דאָס מיידעלע דורכאויס שמייכל, אויגן-גלאַנץ און באַוועגונג. די אויגן אירע זענען אויך גראָע, אָבער שטראַלנדיקע, שמייכלענדיקע און האַרציקע, און ברעמען האָט זי ווי האַלבע רייפלעך, און דינע פרישע ליפלעך, פונקט ווי אויסגעשווירענע פון עפּעס אַ רויטען שטאָף און פון קליינעם יונגן שטערן לויפן אַהינטער טונקעלע כוואַליעס האָר און ענדיקן זיך אין צוויי צעפּלעך אויפ'ן רוקן.

שיינדעלע באַגעגנט אים פּראָסט און האַרציק.

— אַ! — שרייט זי אויס — אַזוי שפּעט אויפגעשטאַנען.

אָבער משה'לע בייגט-איין דעם קאָפּ און זאָגט שטיל אַרויס:

— נעכטן אין אָוונט איבערגעלייענט אַ נײַ ביכעלע: „דער שרעקלעכער מערדער ריכאַרד"...

— מיט אַ וואַלד?

— מיט אַ וואַלד.

— און מיט גזלנים?

— און מיט גזלנים.

— וועסט מיר עס אויך איבערלייענען?

— נו, אַוודאי.

— ווען?

— היינט אין אָוונט.

פּאַמעלעך, אומבאַמערקט גייען ביידע אַרויס פון הויף אין גאַס אַריין.

זיי ריידן נישט, נאָר דאָס שווייגן גיט זיי דאָס אייגענע, וואָס אַנדערע דאָס ריידן. זיי פאַרשטייען זיך מאָדנע גוט צווישן אייננאַנדער און לייכט איז זיי אויף דער נשמה. צווישן זיך שפּילן זיי זיך זעלטן און שולדיק דערין איז אייגענטלעך משה'לע. שיינ-דעלע וואָלט זייער געוואָלט שפּילן, טאַנצן, זינגען, אויפפירן זיך אַזוי, ווי אַלע צעניעריגע מיידעלעך פירען זיך אויף. נאָר משה'לע האָט ליב ערנסט, חלומות, מעשה-ביכלעך און שווייגן. און שיינ-דעלע איז נישט-ווילענדיק אונטערגעוואָרפן זיין ווילן. שיינדעלע מיינט, אַז משה'לע איז זייער אַ קלוגער און זייער א געראָטענער

און זי דאַרף אים פאָלגן און הערן. משה׳לעס ערנסטקייט איז אָבער נישט די ערנסטקייט פון אַ גריבלער אָדער פון א שווערן כאַראַקטער, נאָר פון פריהיגן אומעט, פון פילן די פאַרב פון די הימלען, פון ציטערן פאַר די בלאַסע קאַלטע לבנה־שטראַלן, וואָס ווירקן אויף אים אומפאַרשטענדלעך, פון בלוט־אָרימקייט און פון סתם בענקשאַפט. דאָס האַרץ בענקט ביז טרערן און טיילמאָל, אז קיינער זעט נישט, וויינט ער טאַקי אָן אַ שום סיבה.

—משה׳לע,—פרעגט פלוצלינג שיינדעלע—אָט דער ריכאַרד, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, איז טאַקי זייער אַ שרעקלעכער מערדער?...

משה׳לע קוקט צו אַ שפיץ פון אַ וויטן בוים, וואָס זעט זיך אַרויס הינטער אַ דאַך פון אַ הייזל. דער בלאָער הימל רוט אויפ׳ן שפיץ בוים און משה׳לען דאַכט זיך, אַז דאָרט לאָזט זיך אַראָפּ דער הימל. כאָטש ער ווייס, אַז דאָס איז נישט אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין פיל מאָל געגאַרט דערמיט, פונדעסטוועגן האָט ער אומגעהויער ליב צו זיין געגאַרט און גאָר גערן נעמט ער עס אָן פאַר אַן אמת. אויב דאָרט לאָזט זיך ווירקלעך אַראָפּ דער הימל, מוז דאָרט זיין אומגעווייגלעך גוט און שיין.

נאָר שיינדעלעס פראַגע צעשלאָגט אים די רעיונות.

—ווער, ריכאַרד?—רייסט ער אָפּ די אויגן פונ׳ם הימל מיט׳ן שפיץ בוים—ריכאַרד איז דווקא געווען אַ גוטער מענטש... ווּעסט הערן...

משה׳לע וויל איר שוין אויפ׳ן אָרט דערציילן, ווער ריכאַרד איז געווען, נאָר צו וואָס ריידן, אַז ער וועט עס איר לייענען אין אָוונט, אַז דער הימל לאָזט זיך דאָרט ווייט אַראָפּ אויפ׳ן שפיץ בוים, אַז שיינדעלעס האָר זענען פאַרגאָסן מיט זון, אַז אין גרינעם הויז, דאָרט ביים רייכן טאָטער, שפילט מען אויף אַ פידל און אַז עס וועט נאָך אַזוי לאַנג זיין זומער און זומער. פון חדר איז ער פריי, און גאָט איז אַ גוטער, און טאָן דאַרף מען, דאַכט זיך, גאָרנישט, און אַ ביכעלע איז שטענדיק פאַראַן אונטער׳ן האַנט און שיינדעלע וואוינט אַ טיר נעבן אַ טיר.

—שײַנדעלע,—פֿרעגט ער פֿלוצלינג—וואָס האָסטו ליב; טאָג צי נאַכט?

שײַנדעלע ענטפֿערט האַסטיק, מיט אַמאָל, נישט געטראַכט:

—טאָג.

—און איך: נאַכט... — זאָגט ער נישט=פֿעסט אַרויס און וױשט=איבער דעם שטערן מיט'ן דינעם הענטל, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

צווייטעס קאַפּיטל.

אויפ'ן טונקל=בלאָען הימל גליטשן זיך אַרויס דריי שטערנדלעך, פּונקט ווי דריי גאָלדענע פליגעלעך, וואָס שפּילן זיך איבער אַ גרויסן רוהיקן ים, און די קליינע פענסטערלעך ביי שיינדעלעך אין שטוב זויגן די קילע אָוונט-לופט, ווי אַ מענטש מיט קראַנקע לונגען. אויפ'ן הויף דרייען זיך אַרום יידן און ווייבער און קינדער, פּונקט ווי ביי זיך אין שטוב, האַלב=נאַקעטע, מידע און פאַרשמועסטע. מאַנכע שטייען אין קופּקעלעך, מאַנכע רוקן זיך אַרום ווי שאָטנס און אַנדערע זיצן אויף דער ערד מיט אָפענע הערצער, מיט אַרויפגערוקטע היטלען, אָנגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, פּונקט ווי וואַנדערער ערגעץ אין אַ וואַלד נאָך אַ לאַנגער און שווערער נסיעה. דאָס זענען אַלץ שכנים,—מענטשן, וואָס וואוינען אין די קליינע דירה'לעך פון דעם גרויסן הויז מיט די פאַרוויינטע פענסטערלעך. דער גרעסטער טייל פון זיי וועט שלאָפן אויפ'ן הויף, אונטער'ן פרייען הימל, און דאָס גיט-צו דעם הויף עפּעס אַ היימלעך און אומגעוויינלעך אויסזען. נישטאָ קיין באַזונדערע געזינדן, קיין צעשיידטע משפּחות. דער הויף, דער

גרויסער זומערדיקער הויף האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט, און עס דאַכט זיך אַז אַלע געהערן צו איין משפחה, וואָס וואוינט ווי אַ גרויסער לאַגער אונטער דעם פרייען הימל מיט די דריי שטערנדלעך-פליגעלעך.

שיינדעלעס מאַמע איז אַ ברויט-בעקערין, און ביי זיי ווערט מען נישט נתפעל פון היץ, פון אַ הייסן טאָג. זיי האַלטן נאָר אָפן די פענסטער און גייען זיך נישט אָפּקילן אין דרויסן. שיינדעלעס מאַמע, פאַיע, וואָס אַזוי הייסט אויך משה׳לעס מאַמע, איז אַן אויסגעטריקנטע ייִדענע מיט יונגע אויגן, אַ מת מיט אַ לעבעדיקן וואַרימען שמייכל, און זיצן נעבן איר, אָדער עסן דאָס וואָס זי דערלאַנגט, אָדער באַקומען פון איר אַ גלעט, אָדער זיין דערוואַרעמט פון איר שמייכל, איז זייער אָנגענעם. זי האָט אויך ליב מעשה-ביכלעך, תחינות, יציאת מצרים, חנה׳ן מיט די זיבן קינדער און משה׳לען. פאַר משה׳לען גרייט זי שטענדיק אָן אַ גוטע זאַך צום עסן, גיט אים אָפּ דאָס שענסטע אָרט ביים טיש און טענטלט זיך אַרום אים, ווי אַ גוטע און האַרציקע מאַמע. אַמאָל פאַרגעסט זי זיך און לויבט אים אין די אויגן:

—נישטאָ אַזאַ וואויל קינד...

דעמאָלט ווערט משה׳לען אי פריילעך, אי אומעטיק און ער לאָזט-אַראָפּ די אויגן. ער שפירט אויך, אַז ער איז אַ וואוילער. נאָר אין אַן אַנדער אָרט האָט ער באַדאַרפט זיין, צווישען אַנדערע מענטשן זיך האָדעווען און וואַקסן און לעבן.

משה׳לע איז שוין לאַנג געקומען און האַלט א גראָ ביכעלע אין האַנט. דאָס ביכעלע איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער שרעקלעכער מערדער ריכאַרד, אָבער משה׳לע קאָן נישט אָנהויבן לייענען, ווייל די אַלטע פאַיע איז פאַרנומען. זי וויל אויך הערן. אָן איר טאָר מען נישט לייענען. פון קיך קומט אַריין שיינדעלעס ברודער דער משוגע׳נער, וואָס שלאָפט היינטער׳ן אויוון, עסט פון אַ טאָפּ, קלאַפּט זיך אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ פינגער אין שטערן אַריין און האָט נאָר דריי ווערטער: איז אַז איז. קיינער ווייס נישט דעם טייטש פון דעם און וואָס מיינט ער דערמיט. פון שטערן ביז׳ן מויל איז ער געראָטן אין שיינדעלען:

ער האָט אויך גראָע גוטע אויגן, ווי שיינדעלע און איר־פאַמיליע, אָבער ווייטער גייען שוין שטריכן פון אַ משוג׳ענעם: דאָס מויל צעקרימט, דער האַלדז לאַנג און אויסגעבויגן, די האָר פון באָרד ערטערווייז אויסגעריסן. נאָר שמייכלען האָט ער ליב, און אַז ער רוקט זיך־צו לאַנגזאַם און מיט זייער שטילע טריט צום טיש, שמייכלט ער צו משה׳לען קעלביש און וואַסערדיק און ברומט שטיל אַרויס:

—איז אַז איז... איז אַז איז...

משה׳לע באַצאָלט אים אויך מיט אַ שמייכל און פילט בעת־מעשה, אַז נאָר דאָ אין שטוב איז אים גוט, דאָ נעבן שיינדעלען און נעבן דעם משוגע׳נעם ברודער, נעבן דער אַלטער אויסגע־טריקנטער פאַיען, אין די קליינע צימערלעך ווי קעסטעלעך, און אין דעם מחייה׳דיקן ריח פון פרישן ברויט. און נישט איין מאָל אין אַזאַ מינוט טראַכט זיך אין אים אַזוי לייכט און שטיל, פונקט ווי ער וואָלט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, וועגן דער מאַכט פון עלטערן און פאַרוואָס זאָל אַ קינד נישט קאָנען איבערגיין פון די אייגענע עלטערן צו אַנדערע? פאַרוואָס זאָל ער נישט טאָרן זיין שיינדעלעס אַ ברודער און פאַיעס אַ זון? פאַרוואָס קען מען אַלץ אין דער וועלט איבערטראָגן, איבעראַנדערשן, איבערשטעלן, איבערמאַכן, און דאָס נישט? און אים דאַכט זיך, אַז גוטסקייט, שטילקייט און שלום־בית זענען פאַראַן נאָר דאָ אין שטוב און קוקן דאָ אַרויס פון אַלע ווינקעלעך.

דאָס לייענען הייבט זיך אָן, ווען פאַיע ענדיקט איר אַרבייט און זעצט זיך אַוועק ביים טיש ווי אַ הויפן מענש, אַן איינגעשרומ־פּענע, אַן אויסגעטריקנטע, אַ בינטל שאַרפע ביינער, מיט יונגע אויגן, מיט אַ טיכל אויפ׳ן קאָפּ און די עקן פאַרבונדן אונטער׳ן האַלדז. זי זיצט און הערט מיט דעמזעלבן אויסדרוק פון אויג, ווי ביי שיינדעלען, נאָר שיינדעלע איז יונג, פריש, מילך און בלוט, און די ליפּלעך אירע זענען אַזוי ווי אויסגעשווירענע פון עפּעס אַ רויטן שטאָף. משה׳לע לייענט פון דעם שרעקלעכן מער־דער ריכאַרד, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער ווילדע וועלדער און פוסטע פעלדער מיט אַ באַנדע גזלנים. דער דאָזיקער מערדער

איז געווען שרעקלעך דרייסט, מוטיק און בייז, דאָך האָט ער געהאַט אַ האַרץ אַ גוטס, און אָרימעלייט פלעגט ער שאַנעווען. די שפּראַך פון ביכל איז א שלעכטע, אַ פאַרקריפּלטע, נאָר מען באַדאַרף האָרכן ווי אַזוי משה׳לע לייענט. די אומגעלומפּערטע ווערטער און זאַצן באַקומען אין זיין לייענען בלוט און לעבן, און ביי דער שטילקייט פון די צוהערער דאַכט זיך, אַז דאָ, ערגעץ דערביי, אָטעמט ריכאַרד מיט זיינע שרעקלעכע גזלנים און זיי קוקן־אַרויס מיט פייערדיקע אויגן. און משה׳לעס קול גיסט זיך און גיסט זיך אין דער שטילקייט, ווי אַ קלאָר וואסערל. דאָ איז דער קול ווייך און האַרציק ווי אַ תפילה, דאָ צעוואַקסט ער זיך ווי אַ געוויטער, און דאָ פליסט ער גלייך און איינטאָניק ווי מוסר. אַמאָל שעפּטשעט ער און בעט זיך ווי אַ קינד, קוים צום הערן. ביי דער אַלטער ווייזן זיך טרערן אויף די אויגן און ביי שיינדע־לען ציטערן די אויסגעשוירענע ליפּעלעך.

משה׳לע פילט, אַז דאָס לייענען—איז זיין האַרץ. זיין האַרץ איז דאָס שולדיק. זיין האַרץ בעט זיך, זיין האַרץ געוויטערט, זיין האַרץ פאַלט־איין און שעפּטשעט. דאָס האַרץ זיינס רעגירט מיט׳ן קול. און בשעת ער ענדיקט, איז נאָך לאַנג שטיל—און ביי די צוהערער קוקן שטייף אַרויס די אויגן פון אָנשטרענגונג, פּונקט ווי זיי וואָלט נישט געלייענט געוואָרן, נאָר זיי האָבן אַליין ערשט איבערגעלעבט אַ גרויס געשעעניש. איינמאָל, בשעת שיינדעלעס טאַטע, אַ פרומער ייִד, איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען און זיך צוגעהערט צופעליג צו משה׳לעס לייענען, איז ער ביז׳ן סאַמע סוף געבליבן שטיין אומבאַוועגט, מיט׳ן קאָפּ אויף אַ זייט און מיט די אויגן פאַרקוקט אין איין פּינטל, און אַז משה׳לע האָט געענדיקט, האָט ער אַ צי געטאָן מיט די ליפּן, אַ דריי געגעבן מיט׳ן קאָפּ און אַרויסגעזאָגט:

—אַ לייענען אַביסל... נשתומם צו ווערן...

און איז אַוועקגעגאַנגען, שאָקלענדיק אַלץ מיט׳ן קאָפּ.

נאָכ׳ן לייענען פילט משה׳לע אַלעמאָל קאָפּשמערצן און האַרץ־קלאַפּעניש, און עפּעס נעבעלדיקס שווימט פאַר די אויגן. אָבער שיינדעלע האַלט אים ביי די הענטלעך און קוקט אים אָן מיט

אומרוהיקע פּאַרטיפּטע אויגן. זי קוקט אים אָן און זעט אים אָבער נישט. זען זעט זי ריכאַרד'ן און דעם וואַלד און באַגזל'טע מענטשן און נאַכט צווישן וואַלד-ביימער און וואַלד-סודות. און עס קלאַפּט איר דאָס הערצל און מחשבות שפּרינגען איר איינע איבער די אַנדערע. צי געפינט זיך אפשר אַמאָל נישט, דאַכט זיך איר, דאָס הייזעלע, וואו זיי וואוינען איצט, אין אַ געדיכטן וואַלד און צי דרייט זיך דאָ נישט אַרום ריכאַרד מיט זיין באַנדע? צי פאַלט ער איצט נישט אָן, צי שיסט ער נישט אין אַן איינזאַמען דורכ-פאָרער? וואָרום ריכאַרד, נאָכדעם ווי משה'לע האָט וועגן אים געלייענט, לעבט געוויס, ער איז דאָ אויף דער וועלט, ווי עס איז דאָ משה'לע און די מאַמע און דער טאַטע און דער משוגע'נער ברודער. צי זענען אַמאָל נישט די שכנים, וואָס דרייען זיך אַרום איבער'ן הויף, גזלנים, מערדער, באַנדיטן, רוצחים פון ריכאַרד'ס באַנדע?

שיינדעלע דריקט אים שטאַרקער די הענטלעך און טיפער און טונקעלער ווערט איר קוק. און זיין בליק פאַלט-אַריין אין אירן, און עפּעס גיט זיך אים איבער פון איר צו אים, און הייס אַרום די שלייפן ווערט אים, און די נעפּלען ווערן גרעסער, און אים דאַכט זיך, אַז פליגלען הייבן אים ביים רוקן זאַכט און שטיל, און לאַנגזאַם נידערט דער באַלקן צו דער ערד. נאָר די אַלטע פּאַיע קומט-אָן פון קיך מיט עפּעס אַ מאכל און באַלד קלינגט אַ טעלער, אַ לעפל אויפ'ן טיש, און דער כישוף ווערט צערונען.

צוריק שטוב, ווי געוועזן, דער באַלקן נידערט נישט, פון אַ ריכאַרד איז קיין זכר נישטאָ. עס איז נאָר דאָ אַ משה'לע און אַ שיינדעלע, און עס הערט זיך פּאַיע'ס קול:

—אָט איז אַ נחת... פּאַיע ווייס דאָך גאָרנישט, וואָס פאַר אַ יינגל זי האָט... אַי לייענסטו, מיין קינד... צו צוקערן יעדעס וואָרט...

קיין שום נייס איז נישטאָ אין אירע רייד. אַלע טאָג דאָסזעלבע. אַלע טאָג שיט פּאַיע מיט אַזוינע ווערטער, אָבער משה'לען פּאַכן זיי ווייך איבער די באַקן, ווי אַ מחייה'דיק ווינטעלע.

און אַז פּאַיע גייט שוין אַוועק צו זיך אין פינסטערן און איינגן קעמערל שלאָפן און אַז פון דאָרטן הערט זיך נאָך צוזאַמען מיט אַ סקריפּ פון אַן אַלט בעט, ווי זי רעדט אַזוי ווי פאַר זיך וועגן משה׳לעס מעלות, גייט משה׳לע מיט שיינדעלען אַרויס אויפ׳ן הויף. אַ בלאָער הימל מיט גאָלדענע טאַנצנדיקע קנעפּעלעך באַגעגנט זיי פון אויבן און אויף דער ערד זענען אויסגעלייגט וואַרימע שאָטנס, און פון די שאָטנס בלייכן־אַרויס עלטערע בערדיקע פּנים׳ער מיט צוגעמאַכטע אויגן. אויפ׳ן הויף איז שטיל. מאַנכע פון די שכנים שלאָפן, אַנדערע דרעמלען זיצנדיק. ביידע קינדער זעצן זיך אויף אַ קלאָץ.

—וואו קאָן איצט זיין ריכאַרד? — פרעגט שיינדעלע מיט פאַרטיפטע שאָטנדיקע אויגן.

און אַז משה׳לע ענטפערט נישט, פרעגט זי נאָכאַמאָל:

—משה׳לע, וואו, מיינסטו, קאָן איצט זיין ריכאַרד?

אָבער משה׳לעס געדאַנק דרייט זיך אַרום די גאָלדענע שטערנדלעך, און ער הערט נישט, וואָס זי פרעגט. אין דער ווייס־שוואַרצער לופט פון אַ זומער־נאַכט ווערן אים שאַרפער די געזיכטס־צוגן, און ער זעט־אויס נאָך בלאַסער, ווי אַלעמאָל.

—אָן יענץ שטערנדל מוז זיין זייער ווייט...—רופט ער זיך אָן מיט אַ מיד שטימעלע, אָנווייזנדיק מיט׳ן פינגער אויף אַ ווייטן גאָלדענעם פלעק פון אַ שטערן.

—משה׳לע...—זאָגט שיינדעלע פלוצלינג אַרויס, צוקוקנדיק זיך נעענטער צו אים.

—וואָס?..

—משה׳לע?..

—וואָס?

—מיך שרעקט עפּעס...

—נו,—מאַכט משה׳לע נישט זיכער, דערפילנדיק ווי די נאַכט־שטילקייט דערוועקט אין אים גופא אַ מורא—אַ מענטש טאָר זיך נישט שרעקן. גאָט איז אויפ׳ן הימל, גאָט איז אויף דער ערד. אָט דאָ, נעבן אונדז, איז אויך פאַרהאַן גאָט...

נאָר אַזוינע ווערטער ווירקן נישט אויף שיינדעלען. די

שטילקייט פון דער נאַכט איז גרויס, געדיכט און וואַרים, און אומפאַרשטענדלעך בלאָט דער הימל און ניי זעען־אויס די שטערן און אויף דער ערד ליגן בערדיקע יידן, וואָס שאָרכן מיט דער נאָז און וואַרפן נאָך זיך אַ שאָטן. שיינדעלען דאַכט זיך, אַז זי לעבט דאָס ערשטע מאָל אין אַזאַ שטילקייט און זעט דאָס ערשטע מאָל אַזאַ נאַכט. דאָס גיט זיך איבער אויך משה׳לען, און ביידע דערנענטערן זיך און ביידנס בעקלעך טרעפן זיך צוזאַמען און ביידנס אָטעם ווערט צוזאַמענגעמישט.

—משה׳לע...

—וואָס?

—איך האָב מורא...

—דו וואָלסט געקאָנט אויסזיצן אַ נאַכט אויפ׳ן גאַס?—פרעגט משה׳לע שטאַרק פאַרקלערט.

—ניין,—לאָזט שיינדעלע אַראָפּ דעם קאָפּ און נעמט זיך אַרום מיט די הענטלעך ביי דער ברוסט, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געהיט פון אַן אָנפאַל.

—און זלמן...—וויל משה׳לע עפּעס דערציילן און האַקט זיך אָפּ.

אים ווילט זיך מער נישט רעדן, ער וויל זיך בעסער איינפּאַסן אין דער שטילקייט, און ער קוקט אַלץ אין דער שטילער בלאָקייט פונ׳ם הימל, אין דעם אומרוהיקן גאָלד און זילבער פון די שטערן און נאָך ערגעץ אַנדערש־וואו, וואָס איז אויסער דעם הימל און אויסער די שטערן, וואו ער זעט מאָדנע פאַנטאַסטישע בילדער און געשטאַלטן, וועגן וועלכע ער וועט קיינעם קיינמאָל נישט דערציילן, וואָרום קיינער וועט עס נישט פאַרשטיין און נישט הערן.

זיצן אין דרויסן קאָן מען אייגנטלעך וויפיל מען וויל וואָרום זומער, בשעת מען שלאָפט אויפ׳ן הויף, שפּאַרט מען נישט־צו די טיר. אָבער אַז עס ווערט קילער און די שלאָפנדיקע יידן ציען אויף זיך אַרויף די אַראָפּגעפאַלענע קאָלדרעס און קערן זיך איבער אויף דער אַנדער זייט מיט אַ געדיכטער סאָפּעריי, פּונקט ווי זיי וואָלטן וועלן טיפער אַריינקריכן אין דער

וואַרימער שטומער ערד, הייבן זיך אויףביידע קינדער און גייען אין שטוב אַריין. נאָר אַז משה'לע טרעט־איבער פאָרזיכטיק די שוועל פון דער פינסטערער דושנער שטוב, וואָס איז אָנגעפילט מיט שלאָף און סאָפּעריי, באַפאַלט אים עפּעס אַ נישטניחא'קייט און אים דאַכט זיך, אַז ער איז שוין דאָ נישט געווען פון יאָרן־לאַנג, אַז דאָס איז אַ פרעמדע שטוב, מיט פרעמדע אומהיימלעכע שאָטנס פון פרעמדע מענטשן...

דריטעס קאַפּיטל.

אַ מאָדנער ייִד איז משה׳לעס טאַטע. בשעת ער איז צופרידן, האָט ער ליב צו קויפן געשליפענע פּסח׳דיקע כּוסות סאַמע נאָך פּסח און האַלטן זיי צווישן די פינגער אַנטקעגן דער זון; און בשעת ער איז נישט אויפגעלייגט, נישט צופרידן, זעצט ער זיך בײַם עק טיש, די הענט אויף די קני, די געדיכטע אַראָפּגעהאָנגענע ברעמען בייז צונויפגעבויגן, און קוקנדיק אין איין פּינטל אויף דער פּאָדלאָגע דורך די קאַלטע גלעזער פון דיברילן, טענה׳ט ער אַלץ איין זאַך:

—בעי קאָטאַ, ניע בעי קאָטאַ... בעי קאָטאַ, ניע בעי קאָטאַ...

פאַראַן נאָך אַנדערע מאָדנע דרכים אין זיין כאַראַקטער, דהיינו: ער האָט זייער ליב זיך צו חבר׳ן מיט קינדער, און דערוואַקסענע האָט ער פיינט, אויסער דעם אַלטן זלמנ׳ען, וועלכען ער באַגעגנט טיילמאָל קאַלט און טרוקן, סתם אָן אַ שום סיבה, און אַמאָל וואַרעם און צופרידן, אויך סתם אָן אַ שום סיבה. קומט דער אַלטער זלמן אַמאָל אין אָוונט, ווי געוויינטלעך, קוקט

אים אָן משה׳לעס טאַטע מיט אַזוינע אויגן, ווי ער וואָלט אים קיינמאָל נישט געקאָנט, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן, און גיט אַ זאָג מיט אַ נידעריקן שלעכטן קול:

—געקומען... אָנגעטראָגן זיך... נו, וואָס ביזטו געקומען? וואָס, וואָס ביזטו געקומען? גיי אַהיים שלאָפן...

און אַמאָל, פאַרקערט, טוט ער זיך געשווינט אַ הייב פון אָרט ביי זלמנ׳ס קומען, שפּרייט־אויס ביידע הענט אין דער־הייך און שרייט־אויס מיט שמחה:

—אַ, זלמן... איז דאָ! זלמן... איז דאָ!

משה׳לעס טאַטע רופט־אָן זלמנ׳ען מיט׳ן נאָמען און נאָך מיט אַ צולאָג—מיט זייער אַ מיאוס׳ן צונאָמען, וואָס יענער האָט מסתמא באַקומען נאָך ייִנגלווייז. נאָר זלמן באַליידיקט זיך זעלטן אויפ׳ן טאַטן, און ער מאַכט זיך גאָרנישט דערפון, ווען דער טאַטע נעמט אים אויף שלעכט. זלמן איז בכלל אַ קאַלטער און אַ רוהיקער מענטש. לויט זיין מיינונג, באַדאַרף אַ מענטש קיינמאָל פון קיין זאַך נישט נתפּעל־ווערן. וואָרום, ערשטנס, פּאַסט עס נישט פאַר אַ מענטשן און, צווייטנס, נעמען זיך אַלע אומגליקן פון התפּעלות, פון צו־הויך שרייען, פון צאַפּלען זיך, גאַפן און באַוואונדערן. רוהיק באַדאַרף מען זיין, קאַלט, געלאַסן און שטיל. דעמאָלט וואָלט די וועלט גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט. אויסערדעם, געדענקט נאָך זלמן משה׳לעס טאַטן, ווען יענער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און ער האָט אים געלערנט שלעפּן גרינע אוגערקעס פון פרעמדע גערטנער.ביידן האָט נישט געפעלט קיין אוגערקעס אין דערהיים, נאָר זלמן האָט שטענדיק ליב געהאַט אַזאַ מלאכה, וואָס איז עטוואָס ענליך צו אַ גנבה און איז פאַר־בונדן מיט געפאַר.

אָבער דאָס סאַמע אומפאַרשטענדלעכסטע אין טאַטן איז דאָס, וואָס בשעת ער האָט אַזוי ליב קינדער, בשעת ער טראָגט זיי אַרום אויף די הענט, מאַכט זיי צאַצקעס און גייט מיט זיי שפּאַ־צירן, מיידט ער אים, משה׳לען, שטענדיק אויס, און בשעת ער רעדט מיט אים, ווערט זיין פּנים פאַרצויגן מיט אַ שלעכטער ערנסטקייט, די געדיכטע אַראָפּגעהאָנגענע ברעמען בייגן זיך אויס,

און משה׳לען דאַכט זיך בשעת־מעשה, אַז ער שטייט פאַר אַ פרעמדן קאַלטן ייִד, וואָס וויל אים עפּעס טאָן אַ רעה.

זייער זעלטן רעדט ער מיט משה׳לען גוט, מיט ליבע, צערטלעך, ווי אַנדערע טאַטעס מיט קינדער. משה׳לע האָט אויך באַמערקט, אַז אין אַ פרעמדער שטוב, צי אויפ׳ן הויף מיט ייִדן איז דער טאַטע פריילעכער, ווי אינדערהיים. מיט פרעמדע מענטשן איז ער גאָר אַן אַנדערער. פאַר זיי האָט ער אַ וויץ, אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל אָדער אַ געשיקטע באַוועגונג. אינדערהיים צווישן די אייגענע קינדער איז ער דאָס־רוב אומעטיק און שטיל. אָבער דאָס איז נישט דער אומעט און שטילקייט פון אַ געהאָרכזאַמען, פון אַ שוואַכער נאַטור, נאָר פון אַן אומצופרידענעם מענטשן, וואָס געפינט זיך קיין אָרט נישט אין שטוב. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי — פאַרשטייען אפילו נישט די עלטערע קינדער, און מען איז שוין אַזוי געוויינט דערצו, אַז מען רעדט קיינמאָל נישט וועגן דעם און מען באַוואונדערט עס נישט. און דאָך האָבן ליב די קינדער — משה׳לעס ברידער און שוועסטער — אָט דעם ייִד מיט די געדיכטע אַראָפּגעהאָנגענע ברעמען, מיט די שפּאַקולן אויף דער ברייטער נאָז, מיט די לאַנגע, פּעך־שוואַרצע האָר, צו וועלכע עס פּאַסט זיך לחלוטין נישט די געדיכטע באָרד, וואָס האָט קיין שום קאָליר נישט. די געדיכטע שוואַרצע האָר האָבן פונדעסטוועגן נישט פאַר־שלונגען דעם שטערן, וואָס איז מער ברייט ווי הויך און איז שטאַרק דורכגעשניטן מיט קנייטשן. דער סאַמע כאַראַקטעריסטי־שער קנייטש איז דער, וואָס ליגט אויף דעם אָרט שטערן, וואו עס הייבט זיך אָן די נאָז און די געדיכטע ברעמען. דערדאָזיקער קנייטש האָט דריי קאַנטן: צוויי אַרויף און איינעם אַראָפּ און ליגט טיף איינגעשניטן אין הויט. בשעת דער טאַטע קוקט מיט די קליינע גלאַנציקע אויגן, רוקט זיך דער קנייטש צוזאַמען און עס דערנענטערן זיך די ברעמען, פונקט ווי צוויי ביימלעך וואָלטן געלעגן איבער צוויי קליינע פייערלעך. אַ גאַנצן טאָג שפּילט דער קנייטש: דאָ ווערט ער ברייטער, דאָ שמעלער, און די ברעמען רוקן זיך, בייגן זיך אָדער גלייכן זיך אויס. נאָר בעסער פון אַלץ געפעלן משה׳לען דעם טאַטנס נעגל. זיי זענען לאַנגע,

גלאַנציקע, האַלב־רונדע און ראָזע. אַז דער טאַטע לייגט־אַוועק די גאַנצע האַנט אויפ׳ן טיש, זעען זיי אויס ווי געטאָקטע און ווי אַרויפגעקלעבטע אויף די שפּיצן פינגער. זיי זענען אַזוי רונדיק, אַז זיי פאַרנעמען פּונקט אַ האַלבן פינגער אין־דער־ברייט. די פינגער אַליין זענען ווייכע, פולע און לאַנגע. פון ווייטן מאַכט דער טאַטע אַן אײַנדרוק פון אַ משכיל, פון נאָנטן אָבער זעט ער אויס אַסך ייִדעשלעכער און אַז מען זאָל פון זײַנע לאַנגע האָר מאַכן געדרייטע בויגלדיקע פּאות׳ן, וואָלט ער אויסגעזען, ווי אַ קליינשטעטלדיקער רב.

די גרעסטע תאווה זײַנע איז—קויפן און לייענען אַ לשון־קודש׳דיק בוך. לייען אַ בוך איז נישט אין זײַן באַטור. אַז מען קלויבט זיך איבער אין אַ נײַע דירה, כאַפּט ער זיך באַלד מאַכן פּאָליצקעס בײַ די ווענט פאַר זײַנע ביכער, און די מאַמע באַדאַרף אָנקומען צו פרעמדע, זיי זאָלן פונאַנדערשטעלן די בעטן און די איבעריקע שטוב־מכשירים. און ביכער האָט ער אַזויפיל, אַז מען פירט זיי אין זעק און אין קאַסטנס. גנבים עקזיסטירן פאַרן טאַטן נאָר פאַר ביכער, און אַז אַ פרעמדער מענטש גייט־אַרויס פון שטוב, וואַרפט דער טאַטע אַ פאַרבאָרגענעם און אַ פאַרדעכ־טיקן בליק צו די פּאָליצקעס. אין די דאָזיקע פּאָליצקעס ליגט זײַן נשמה, און בשעת ער קוקט אויף זיי, שפּראָצט־אַרויס פון זײַן אויג אַ באַזונדער פייערל, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוואַונקען און געדרעט צו אים, ווי לעבעדיקע, פּונקט ווי זיי וואָלטן גע־שמייכלט צו אים ווי ברידער.

אין אַ צער, צי אין אַ פרייד—דער טאַטע האַלט אַ בוך. די סאַמע ליבסטע צײַט צום לעזן איז בײַ אים אין מיטן נאַכט. משה׳לען, וואָס האָט שרעקלעך מורא פאַר מײַז, באַרוהיקט עס, און אגב שלאָפט זיך בעסער פאַר׳ן שײַן פון לאָמפּ און פאַר׳ן שטילן שאָ־ך פון אַן איבערגעקערט בלעטל.

דאָס בוך, איידער עס ווערט געלייענט, ווערט עס שטאַרק באַטראַכט. דאָס באַטראַכטן געדויערט גאַנץ לאַנג. פריער ווערט באַטראַכט און באַטאַפּט דאָס פּאַזע־בלעטל, דערנאָך דאָס פּאַפּיר. לסוף ווערט עס צוגעטראָגן צו דער נאָז און עס ווערט באַשמעקט

די דרוק־פאַרב. בשעת מעשה שמייכלען אים עטוואָס די קנייטשן אַרום די אויגן מיט יענעם שמייכל פון אַן איינזאַמען, וואָס פילט, אז קיינער פאַרשטייט אים נישט, און ער איז צופרידן דערפון.

די מאַמע האָט פיינט די ביכער און די פּאָליצקעס. נאָך איר שכל נאָך דאַרף מען אַ בוך לייען און בעסער טראַכטן פון דירה־געלד. געוויינטלעך האָט זי מורא פאַר׳ן טאַטן, נאָר אַז איר ווערט צו אייננג, וואַרפט זי אים־צו שטיל און פאַרביטערט, ווי מען וואַרפט־צו אַ קליין שפּיציק שטיינדעלע פון דער זייט:

—דיינע ביכער ליגן מיר שוין גוט אין די ביינער... אָט דאָ האָב איך זיי... דירה־געלט...

דער טאַטע קוקט זי אָן מיט די קאַלטע גלעזער פון די ברילן און מיט צונויפגערוקטע ברעמען:

—ביי דיר איז דאָך אַלץ אַזוי... בעי קאָטאַ, ניע בעי קאָטאַ...

וואָס איז ביי איר אַלץ אַזוי—בלייבט אַ רעטעניש.

אַז דער טאַטע איז גוט און אויפגעלייגט, וואָס דאָס טרעפט זיך זייער זעלטן, דערציילט ער פאַר די שטוביקע פון דעם נייעם בוך. ער דערציילט מיט שמייכל און מיט גלאַנץ אין די אויגן, וואָס פּאַסט זיך זייער צו זיין פּנים און וואָס מאַכט ליכטיקער און וואַרימער אין שטוב. טאָן טוט ער עס ליגנדיק, מיט איין האַנט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, אין דער צווייטער — דאָס בוך און דעם מיטעלסטן פינגער האַלט ער צווישן די בלעטער. אויסער די העלדן פון דער יידישער געשיכטע איז זיין ליבסטער העלד— נאַפּאָלעאָן; פון נאַפּאָלעאָנ׳ען דערציילט ער זיך אָן געוואַלטיקע וואונדער. באַזונדערס רירעגד איז נאַפּאָלעאָנ׳ס סוף. איינער אַליין גוהס׳ט ער אויף אַ פאַרוואָרפענער אינזל, וואָס טראָגט עפּעס אַ ווייבערשן נאָמען. אין דער נאַכט פון זיין שטאַרבן האָט נאַפּאָלעאָן דערזען דורכ׳ן פענסטער אַ נייעם שטערן, וואָס האָט אַ ווייליע העל גע־לויכטן און איז דערנאָך פּאַמעלעך און טרויעריק אונטערגעגאַנגען.

—יאָ,—האָט נאַפּאָלעאָן שווער אָפּגעזיפצט — דאָס איז מיין שטערן... ער איז אונטערגעגאַנגען. איך שטאַרב...

און נאַפּאָלעאָן האָט דערפילט ווי עס קילן אים די פיס און ווי דאָס האַרץ בלייבט שטיין.

משה׳לען פלעגן צוטרעטן וואַרעמע טרערן צו די אויגן, נאָר אין דער אייגענער רגע פלעגט ער דערשפּירן אַן אומגעוויינ־לעכע ליבע צום טאַטן דערפאַר, וואָס ער וויס וואָס צו דערציילן, און דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט אַזוי ליב און היימלעך אין שטוב. אַלע זיצן און האָרכן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, און אפילו די מאַמע טראַכט איצט נישט פון דירה־געלד און קוקט צום טאַטן מיט ברייט־אויסגעשטעלטע אויגן און מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן. און דער טאַטע קוקט נישט אויף קיינעם באַזונדער. ער קוקט אויפ׳ן מיטן שטוב און דערציילט.

פאַרוואָס איז דער טאַטע קיינמאָל נישט אַזוי גוט, ווי ער איז איצט, אין דערדאָזיקער מינוט? פאַרוואָס איז ער דאָס־רוב בייז, נישט צופרידן, קאַלט און פרעמד? פאַרוואָס האָט ער קיינעם נישט ליב, נאָר די פּאָליצקעס מיט זיינע ביכער? אויף דידאָזי־קע פראַגן האָט משה׳לע יעדן טאָג געטראַכט און קיינמאָל קיין תשובה נישט געפונען, אויסער ווי און בענקעניש. אָט דער זעלבער מיט׳ן דרייקאַנטיקען קנייטש צווישן די ברעמען און מיט די קאַלטע גלעזער אויף די אויגן האָט דאָך געקאָנט אַריינטראָגן פרייד אין שטוב און לייכטער מאַכן אַלעמענס געמיטער, ווען ער וואָלט געוואָלט זיין ווייכער, ריידעוודיקער, נענטער און באַהאַרצ־טער, ווי עס באַדאַרף זיין אַ טאַטע.

פאַראַן טאַטעס, וואָס מען קאָן זיי קושן, מען קאָן זיצן ביי זיי אויפ׳ן שויס, אָננעמען זיי פאַר דער באָרד, שפּילן און לאַכן זיי פריילעך אין פּנים אַריין. משה׳לעס טאַטע איז אָבער נישט פון די. און דערדאָזיקער אומשטאַנד פאַרשאַפט משה׳לען דעם שווערסטן און פיינלעכסטן ווייטאָק אין האַרצן.

נאָר אַזוי גוט איז ער יום־כּיפּור אין שול און אין די טעג, ווען עס ווערן צייטיק די גוטע עפּל. בשעת עס ווערן צייטיק עפּל, הייבן־זיך־אָן ביסלעכוויז פונאַנדערציען די כמאַרנע ברעמען זיינע, דאָס פּנים ווערט אים ליכטיקער, פּונקט ווי אַ שטראַל וואָלט כסדר געשפּילט דערויף, און עפּעטער שמייכלט ער און עפּעטער גייט

ער אין גאַס, און אַז ער קומט אַהיים, ברענגט ער די שענסטע און די טייערסטע עפּל. אַליין עסט ער זיי נישט. ער לייגט זיי אויס אויפ'ן טיש און קען זיך קיינמאָל נישט אָבוואונדערן פֿון זייער שיינקייט און ריח. נעמט ער איינעם אין די הענט, אַ צווייטן, דרייט זיי אום פֿאַר די אויגן, פֿאַר דער נאָז, לייגט זיי דערנאָך אַנידער און נעמט זיי ווידעראַמאָל אין די הענט אַריין.

— נאַ דיר אַ שיינעם עפּל, משה'לע... — הערט משה'לע פֿאַרקירצט זיין נאָמען אויף זיין טאַטנס ליפּן — עס, עס.

משה'לע עסט אַ גרויסן עפּל, וואָס האָט אַ קאָליר פֿון פּוטער מיט אַ רויטער באַק. באַלד גיט אים דער טאַטע אַ צווייטן עפּל אין דער צווייטער האַנט אַריין. מישט זיך אַריין די מאַמע און זאָגט, אַז דאָס קען אים פֿאַרשאַטן, נאָר דער טאַטע פֿאַרשטעלט אים ווייך מיט די הענט.

— זאָל ער עסן, ניש'קשה... — זאָגט דער טאַטע — אַזוינע עפּל זענען אַ היילונג פֿאַר'ן מאָגן.

דער טאַטע איז אַ פֿרומער. אָבער די פֿרומקייט זיינע איז עפּעס אַ באַזונדערע, אַנ'אָפּגעטיילטע, נישט ענלעך ווי ביי לייטן, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געהאַט זיין אייגענע אמונה. כאָטש אויף זיינע פּאָליצקעס שטייט זיך זייער געמיטלעך אַ ש"ס, אין וועלכן ער קוקט גאַנץ אָפֿט אַריין, פֿונדעסטוועגן רעדט ער קיינמאָל נישט מיט קיינעם פֿון גאָט, פֿון יענער וועלט, פֿון גיהנום און גן־עדן, שטראָפֿט נישט קיינעם, מישט זיך נישט אַריין אין יענעמס ענינים, וואָס זענען שייך צו פֿרומקייט, און אַז עס מאַכט זיך אין שטוב אַ שאלה פֿון פֿליישיקס־מילכיקס און משה'לעס מאַמע גייט־אַרום אָן אַ קאָפּ, שמייכלט ער פֿאַרבאָרגן אין זיינע לאַנגע וואָנסן און קוקט זי אָן פֿון דער זייט מיט איראָניע. און אַמאָל וואַרפֿט ער איר צו מיט גאַל:

— צדקת מיינע... ווען נישט דו, וואָלט דער בורא־עולם שוין לאַנג זיך אָפּגעזאָגט פֿון אונזער זינדיק וועלטל... אַ קליינינקייט, דו האַלסט דאָך אונטער די הימלען מיט דיין פֿרומקייט... יידען זענען דאָך אַ פֿאָלק צוליב דיר...

אָנשטאָט אַן ענטפֿער, בייגט־אַיין די מאַמע דעם קאָפּ, רוקט

זיך אָפּ פון אים מיט פאַרביטערונג און פאַרדרוס און זיפצט־אָפּ מיט אַ שטילן דערשטיקטן זיפץ. זי ווייס זייער גוט, אַז מיט'ן טאַטן איז זיך נישט אָנצוהויבן, אַז ער וועט איר אַלעמאָל בעסער ענטפערן, איידער זי אים.

אָבער דער טאָג יום־כּיפּור שפּילט ביי אים אַ גרויסע ראָלע. צו יום־כּיפּור איז ער זיך שטאַרק מכין. אָן ווערטער און שטיל ענדערט ער זיך און מאַכט זיך גרייט צו דעמדאָזיקן טאָג, און עס מאכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געגאַנגען רעדן מיט גאָט אויג אויף אויג. דאָס איז אויך דער איינציקער טאָג, ווען ער וויל זען דאַוונען זיינע קינדער און אפילו זלמנ'ען. יום־כּיפּור באַדאַרפן אַלע זיין אין גאָט און מיט גאָט. דאָס איז נישט אַ טאָג פון אויסבעטן און אויסהאַנדלען אַ גוט יאָר, וואָס איז אַ קרעמערישע און אַ וואָכעדיקע זאַך, נאָר אַ הייליקער געטלי כער טאָג איז דאָס, ווען דער מענטש באַדאַרף פון זיך אַראָפּוואַרפן דאָס מענטשלעכע און דאָס גשמיות'דיקע, און קיין שום קרעמערשע כּוונות נישט האָבן. מיט אַ וואָך פריער דינגט ער שוין אָן שטעט פאַר די קינדער און פאַר זלמנ'ען, און די גאנצע וואָך באַרימט ער זיך ווי אַ שטיפעריש יינגל ביי יעדער געלעגנהייט:

—וואוילע שטעט געדונגען... אַסך אָרט... בעסער ווי פאַראַיאָרן...

אָבער פאַראַיאָרן האָט ער דאָס אייגענע גע'טענה'ט.

מיט מחזורים איז ער אפשר דער רייכסטער ייד אין שטאָט. ער האָט זיי צענדליקער, גרויסע, מיטעלע און קליינע, און ער האָט ליב, ווען די קינדער פאַרטראַכטן זיך אַביסל, וואָסער מחזור צו נעמען.

—ווילסט דעם—נעם דעם, אַניט, נאַ דיר דעם—דרייט ער די מחזורים אין האַנט און האָט הנאה פון דעם אויסוואַל.

נאָך פאַרטאָג, ווען די זון שטייט־אויף נישט קיין איינגע־וואַשענע און קוקט ווי אַ פאַרשלאָפענע, א גראָליך־רויטע אויף דער וועלט, גייט שוין דער טאַטע אין שול אַריין. פון שטוב קלויבט ער זיך אַרויס שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן, פונקט

ווי עמיצער וואָלט אים געוואָלט שטערן אין זיין הייליקן גאַנג. משה׳לע וואָלט אויך געוואָלט גיין אַזוי פרי, נאָר דער טאַטע וויל אים נישט מיטנעמען. דער עלטערער ברודער, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט טריפה ביכלעך, קומט שפּעט אין שול, נאָר דער טאַטע זאָגט אים גאָרנישט. מעגלעך, אַז דאָס געפעלט אים נישט, אָבער ער איז דעמאָלט צו־גוט, אַז ער זאָל אים אויסרעדן. עס איז נישטאָ אַ מענטש אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אין דעם טאָג אַרויסרופן אין אים כעס און פאַרדרוס, וואָרעם בייגט ער זיך צו דער באַנק און מאַכט פאַר אים אַן אָרט. בשעת משה׳לע קומט אין שול אַריין, שטייט שוין דער טאַטע אין טלית, מיט די ברילן אויף דער ברייטער נאָז, און קענטיק איז אויף אים, אַז ער איז אַן אָנגעדאַוונטער, אַן אָנגעזאָגטער. עס שמעקט פון אים פאַרלעגענער טלית, ייִד און טאַטע. דאַוונען דאַוונט ער זייער שטיל און קוקט קיינמאָל נישט אין מחזור אַריין: די תפילות קאָן ער אויסווענדיק. אַ גאַנצן טאָג שטייט ער אויף די פיס. אַמאָל שמייכלט ער צו אַ באַקאַנטן ייִד, וואָס שטייט אין אַ ווייטן ווינקל, און אַמאָל שנעלט ער זלמנ׳ען אין דער נאָז און טרייבט אים פרייליך אונטער:

— דרעמל נישט, זלמן, דאַוון!

און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער טאַטע מיט אַלע ייִדן פון שול וואָלטן געפאָרן אויף אַ גרויסער שיף, וואָס ציטערט און וויגט זיך אויף בייזע אומרואיקע כוואַליעס פון ים, אָבער דער טאַטע איז מוטיקער און זיכערער, ווי די אַלע אַנדערע ייִדן, ווייל ער גלויבט, אַז די שיף וועט נישט אונטערגיין. דער טאַטע, דאַכט זיך משה׳לען, האָט איצט גאָט נעבן זיך. ער האָט אים נענטער, איידער דער הויכער מאָגערער רב, וואָס שאָקלט זיך דאָרט, נעבן ארון־קודש, ווי אַ בוים. ער האָט אים ביים האַרצן און ביי די אויגן און זיין אָפּשיין פאַלט אים אויפ׳ן פנים, ווי אַ ווייכער שיין.

נאָר פאַראַן תפילות, וואָס דער טאַטע ווערט ביי זיי מאָדנע אומעטיק און אַמאָל פאַרפאַלט אים אַ טרער אויף דער באָרד. און אַז משה׳לע קוקט־זיך־צו, זעט ער, ווי דער טלית ציטערט אויף דעם טאַטנס גוף. דאָס גיט זיך איבער אויך משה׳לען. נאָר ביי זיך פרעגט ער: וואָס וויינט דער טאַטע? וויינט ער טאַקי? און

משה׳לע קוקט זיך אַרום: דער טאַטע וויינט גראָד ביי אַזוינע תּפילות, וואָס אַנדערע ייִדן זאָגן זיי גלייכגילטיק.

נאָך שחרית שיקט ער משה׳לען עסן. משה׳לען באַליידיקט עס, נאָר ער מוז גיין. משה׳לע איז אָבער זייער פרום און וויל בשום אופן נישט עסן. ער וויל זיין ווי אַלע גרויסע פּאַרטיקע ייִדן, וואָס פאַסטן ריין דעם טאָג און וואָס האָבן גאָט נעבן זיך. אַ פּאָר שעה דרייט ער זיך אַרום איבער די גאַסן, ווערט געוואָר אין שטוב, וואו עס עקלט אים פון די שוועסטער, וואָס פאַסטן נישט און דאַרפן נישט דאַוונען, און קומט צוריק אין שול אַריין מיט אַ טויט פּנים, ווי קאַלך. דער טאַטע קוקט אים אָן און שווייגט.

— זעץ זיך, — זאָגט ער שטיל, — זעץ זיך און זיץ...

משה׳לע זעצט זיך און ווידער פילט ער דעם באַקאַנטן איינגעוואַרימטן ריח פון פאַרלעגענעם טלית, ייִד און טאַטע, און ער טראַכט ביי זיך, אַז נאָך קיינמאָל פילט ער זיך נישט אַזוי פּאַר אַ קינד פון אָט דעם ייִד, ווי הייַנט. און דאָס גיסט אים אָן מיט שטילן תּענוג.

צו נעילה דאַכט זיך, אַז די ליכט ברענען מיט אַ מיד פייער, אַז אויף די ווענט ליגט אַן אָפּגע׳חלש׳טקייט, אַז דעם חזן פאַר־פעלט אָטעם, און אַז נעבן יעדן ייִד שטייט גאָט און גלעט אים — ער זאָל קומען צו די כּוחות. גאָט איז אַזוי דייטלעך אין שול, אַז עס פילט זיך זיין אָטעם און זיין אויג, און דאָס שרעקט עפּעס נישט. פאַרקערט, דאָס האַרץ, דאָס שוואַכע אויסגעפּייניקטע האַרץ ווערט אָנגעזאַפּט מיט ליכט און מנוחה, פּונקט ווי פאַרבלאָנדזעטע פאַר׳יתום׳טע קינדער האָבן פּלוצלינג געפונען זייער טאַטן. גאָט האָט זיך, אפנים, אַראָפּגעלאָזט פון זיינע הויכע הימל־פּאַלאַצן און לעבט אויך איבער אַ שווערן טאָג אויף דער ערד, פּונקט ווי זיינע ייִדן. פאַר משה׳לען איז דאָס זייער אַ וויכטיקער געדאַנק, אַרום וועלכן זיין קליין דענק־אַפּאַראַטל לאָזט שטאַרק אין באַוועגונג די רעדלעך. אָבער אין דער אייגענער צייט פילט ער עפּעס אַ פיזישע נישט־גוטקייט, פּונקט ווי ער וואָלט געלעגן אין אַ היץ־קראַנקהייט. עס האַקט אין די שלייפן און עס דריקט אים אונטער׳ן האַרצן און

עס טריקענען די ליפּן. אים דאַכט זיך, אַז ער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבן נישט געגעסן, אַז עס ווילט זיך גאָרנישט עסן און אַז זיין קערפּערל, וואָס ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, שווימט ערגעץ אין אַ וואַרעמער און גרינער פינסטערניש. פּלוצלינג דערפילט משה׳לע דעם טאַטנס האַנט אויפ׳ן שטערן. די האַנט איז אַ וואַרעמע, אַ ווייכע און אַ געטרייע.

— דיר טוט ווי" דער קאָפּ, מיין קינד?.. — פרעגט דער טאַטע מיט אַן אומבאַקאַנטער ווייכקייט, און משה׳לע דערפילט, ווי קאַלטע קיילעכלעך טאַנצן אים אויפ׳ן רוקן.

דער טאַטע שפּרייט־אויס זיין גראָבן ווינטער־מאַנטל און לייגט משה׳לען דערויף. ליגנדיק, צעגיסט זיך אין משה׳לען די שוואַכקייט און עס דאַכט זיך אים, אַז די גרינע פינסטערניש, אין וועלכער ער שווימט, הייבט אים־אויף ערגעץ זייער הויך און וואַרפט איהם תיכף ומיד אַראָפּ אין אַן איינגן דושנעם טאָל, וואו עס דרייען זיך מיליאָנען משונה׳דיקע פליגעלעך. נאָר פּלוצלינג קומט ווידער די האַנט צו זיין שטערן, און צוויי קליינע גראָע אויגן באַדעקט מיט גלעזער, דערנענטערן זיך צו אים.

— אָט באַלד... אָט באַלד... האָסט מיך גענאַרט, נישט געגעסן...

און אין די ווערטער ליגט נישט קיין פאָרוואורף, נאָר רחמנות און ליבע. נאָך עטלעכע מאָל קומט די האַנט און נאָך עטלעכע מאָל דערנענטערן זיך די קליינע גראָע אויגן מיט די גלעזער. און אַ פּאָר מאָל פאַלן שטיל די ווערטער פון מויל:

— אָט באַלד... אָט באַלד...

אין שול ווערט שטילער, טונקעלער און דושנער, פונקט ווי אַלץ איז לאַנגזאַם אָפּגעשטאָרבן, דערשטיקט געוואָרן פון פאַרפּעלטן אָטעם. גאָט אַליין, דאַכט זיך, האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען נעבן טיר אויף אַ באַנק. ער האָט אַ פּנים פון אַ מענטש, מען קאָן אָבער נישט וויסן, וואָס דאָס איז פאַר אַ פּנים: עס איז לענגלעך און קיילעכיק און טונקעל און העל, אַמאָל איז עס אַלט און אַמאָל איז עס יונג, און אויגן האָט ער אַמאָל שוואַרצע און אַמאָל גראָע

און אַמאָל בלאָע און פאַרהילט איז ער אין אַ לייכט ווייס רויכעלע, ווי אין אַ וואָלקנדל.

אויף דער לעצטער באַנק זיצט ער. נעבן טיר. נעבן יואל דעם וואַסערפירער און בערקע דעם מאַרקטרעגער. דער לעצטער, נישט דער ערשטער, נאָר דער בעסטער, דער בעסטער, דער בעסטער.

צווישן די ווייסע טליתים באַוועגן זיך שאָטנס, וואס וואַקסן ווי בערג, און אויפ'ן פענסטער ציטערן קאַלטע לבנה־שטראַלן, פונקט ווי אין אַ ווינטער־נאַכט. קוקט מען אויף די דאַוונערס, ווערט הייס און דושנע, קוקט מען אויף די שטראַלן, שוידערט פון קעלט. נאָר אָט דערהערט זיך אַ פּאַטש אויפ'ן בעלעמער, א שטים פון אַ מאַנסביל, וואָס וויל שטאַרק עסן, שרייט־אויס ענערגיש, אייליק און וואָכעדיק:

והוא רחום יכפר עון!

און אַ געדיכטער גערויש צעטראָגט זיך איבער די דאַוונערס, ווי אַ ווינט צווישן וואַלד־ביימער.

דאָס לעבן איז צוריק אַריינגעטראָטן, אָבער צוזאַמען מיט זיין נישט־פרומקייט און וואָכעדיקייט, וואָס פילט זיך אין יעדן טאָן, אין יעדן קלאַנג פון מעריב, און גאָט, דאַכט זיך, איז שוין מער נישטאָ אין שול.

— משה'לע!—ציט אים דער טאַטע פאַר'ן הענטעל—משה'לע, מען דאַוונט שוין מעריב...

נאָר משה'לע שלאָפט נישט—ער שווימט. און אַ שווימנדיקן זעצט אים דער טאַטע אַנידער, פאַרבינדט אים מיט אַ טיכל דעם האַלדז און פירט אים אין קאַלטע לבנה־שטראַלן אַהיים. דער טאַטע גייט צוזאַמען מיט זיין לאַנגן שאָטן, אונטער'ן אָרעם טראָגט ער דאָס טלית־זעקל און עס פילט זיך גוטער טאַטע אין זיין טראָט און גוטער טאַטע אין זיינע באַוועגונגען און אפילו אין די צע־יאָגטע פאָלעס פון זיין מאַנטל.

אָבער צומאָרגנס איז ער דער אייגענער, און דאָס שווערע גראָע לעבן אין שטוב ווערט נאָך שווערער און גראָער אונטער דעם טאַטנס קאַלטע אומצופרידענע בליקן.

ווידער קומען אין שטוב קאַלטע שטומע טעג, וואָס ווערן נישט דערוואַרעמט פון דעם טאַטנס שמייכל, און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער קוואַרטיראַנט, וואָס צאָלט נאָך דערצו נישט קיין דירה־געלט. און אויף דער מאַמען ליגט די גאַנצע נויט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן: זי לויפט אין מאַרק, זי גרייט צום טיש, זי הייצט דעם אויוון, זי מאַכט הלוואות און צאָלט דירה־געלט און ווישט זיך שטילערהייט די אויגן אין קיך און באַקלאָגט איר מזל פאַר זיך אַליין, אַז קיינער זאָל נישט הערן. אָבער אויף דעם אַלעם באַקומט זי איין ענטפער פון טאַטן: אַ נייע ביכל אין די הענט און אַ שאָרך פון די בלעטלעך מיט אַ ריח פון פרישער דרוק־פאַרב...

פערטעס קאַפּיטל.

נאָך פּסח, בשעת די ערד הייבט־אָן צו גרינען, גייט שוין משה'לעס טאַטע מיט פרעמדע קינדער אין וואַלד אַריין. אַ טאָג דערצו קלייבט ער אויס סאַמע אַ וואָכעדיקן, אַ געוויינלעכן, בשעת אַנדערע טאַטעס האָרעווען און לייגן־אַוועק דאָס געזונט פאַר פּרנסה. די מאַמע טאָר דאָס נישט איבעררעדן. די מאַמע מוז שווייגן. וואָרום משה'לעס טאַטע האָט שרעקלעך פיינט אַרבייט און פּרנסה, און נאָך טויזענטער מאָל פיינטער, ווען מען דערמאָנט עס אים. ער קאָן אַפילו נישט איבערטראָגן די דאָזיקע צוויי ווערטער. זיי רופן אין אים אַרויס עפּעס אַ פיזישן וויי־טאָק, פון וועלכן ער פאַרקרימט זיך, פּונקט ווי ער וואָלט אַראָפּ־געשלונגען אַ ביטערע רפואה.

—אָבער עפּעס פאַרדינען באַדאַרף דאָך א מענטש, — זאָגט אים אַמאָל די מאַמע מיט אַן אויסגעמאַטערטן קול און קוקט אים נישט אין די אויגן אַריין פאַר שרעק און ערגערניש,—ווי לעבט עס אַ מענטש אַזוי הפקר, פרעג איך דיך...

אָבער דער טאַטע ענטפערט איר נישט און ער האָט בעת־מעשה אַזאַ מינע, פונקט ווי אַ פליג וואָלט אים איינבייסן.

בשעת דער טאַטע גייט מיט די קינדער אין וואַלד, מוז זיך משה׳לע לאַנג ביי אים איינבעטן — ער זאָל אים אויך מיטנעמען. און אַז ער נעמט אים מיט, קומט עס ביי אים אַרויס פרעמד און קאַלט, ווי אַ שווערע און אַ געצוואונגענע טובה, וואָס אַן עלטערער טוט אַן עלטערן און נישט ווי אַ טאַטע אַ קינד. משה׳לע גייט דער ווייטסטער פון אים און הערט זיך־צו מיט אַ שטומען ווייַ, ווי ער דערציילט פאַר די פרעמדע קינדער, וואָס משה׳לע האָט זיי גאָרנישט־ליב, פון גראָזן און בלומען אוןביימער. דער טאַטע קאָן אַלע גראָזן און קרייטעכצער, אַלע בלומען און ביימער. ער ווייס, ווי זיי הייסן, ווי זיי וואַקסן און ווי אַזוי מען באַדאַרף זיך נוהג־זיין מיט זיי. נישטאָ אַזאַ בוים, אַזאַ גרעזל, וואָס זאָל זיין דעם טאַטן נישט באַקאַנט. אפילו אַזוינע ביימער, וואָס וואַקסן אין ארץ־ישראל, צי אין אַנדערע ווייטע לענדער, קאָן ער אויך. וועגען געוויקסן דערציילט ער מיט אַזאַ לשון, פונקט ווי ער וואָלט רעדן וועגן לעבעדיקע מענטשן: דער בוים האָט, צום ביישפיל, ליב זיין צווייגל, ווי אַ מאַמע איר קינד; דאָס גרעזל בענקט נאָכ׳ן צווייטן גרעזל, וואָס איז נעבן אים אויסגעריסן אָדער צעטראָטן געוואָרן; דאָס בלימל טרינקט דעם טוי און ביינאַכט מאַכט עס־צו די בלעטלעך — שלאָפן באַדאַרף עס; אַן׳אָפּגעהאַקטער בוים שטאַרבט־אַוועק — דאָס לעבן גייט פון אים אַרויס, ווי דאָס בלוט פון אַ דורכגעשאָסן האַרץ, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אַרויסגייענדיק פון שטאָט אויפ׳ן פעלד, וואו וואַרימע שטיפערישע ווינטעלעך גלעטן די באַקן, און וואו דאָס פרייע ליכט פון דער ערד ביז׳ן הימל גיט פריילעך אַ זעץ אין די אויגן אַריין, אַרט שוין משה׳לען נישט, וואָס דער טאַטע האַלט זיך מיט פרעמדע קינדער און לאָזט אים גיין אַ דערווייטערטן פון זיך. זאָל ער רעדן פאַר זיי, זאָל ער דערציילן. משה׳לע באַדאַרף אים שוין נישט מער. ער האָט שוין איצט זיינע

אייגענע, אומגעהויער־וויכטיקע רעיונות און שפּירונגען, וואָס מיט זיי איז גוט צו פאַרבלייבן אַליין. עס איז דאָ אַזויפיל הימל, אַזויפיל פעלד, אַזויפיל ליכט און פרייער שטח. און קליין און אייגנ און שלעכט זעט אים אויס די שטאָט אַנטקעגן דעם ליידיקן, אומענדלעך־ברייטן, נישט־פאַרבויטן פעלד, וואָס צערט דאָס טאָג־ליכט און קאָן עס נישט פאַרצערן. און משה׳לע קוקט אַרויף און אַראָפּ און ביי די זייטן און פרעגט זיך:

—פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ גרויסע, אַזאַ וואונדער־גרויסע ערד?

גאָט האָט זי באַשאַפן. גאָט באַשאַפט דורך אַ וואָרט, דורך אַ שפּרוך. ער זאָגט — און עס ווערט. אָבער ווי ווערט עס פון אַ שפּרוך אַזאַ אמת׳ע ערד, אַזאַ שווערע, אַזאַ גרויסע, וואָס מען קאָן זי גראָבן און זייען און בויען און גיין אויף איהר? אָט די זון האָט געוויס גאָט באַשאַפן. די זון איז ליכט...

אויפ׳ן וועג פאָרן פּויערים און זיי שלאָגן־איבער משה׳לעס געדאַנקען. די וועגעלעך סקריפּען, די פערדלעך גייען לאַנגזאַם, דער שטויב קנוילט זיך ביי די רעדער, די פּויערים זיצן רואיג מיט אַראָפּגעהאַנגענע פּיס, מיט בייטשן אין שוואַרצע הענט, מיט אַ פעסטן זיכערן קוק פון אונטער׳ן שטערן, און משה׳לע איז זיי שרעקלעך מקנא. און באַ׳טעמ׳ט איז דער ריח, וואָס טראָגט זיך פון זיי: פעלץ און פערד און דזיעגעכץ און מאַכאָרקע. עס דאַרף זיין, לויט משה׳לעס געדאַנקען, זייער אָנגענעם צו האָבן אַן איינזאַם שטיבעלע ערגעץ אין פעלד, נעבן אַ וואַלד, מיט קליינע פענסטערלעך, מיט בהמות, מיט הינט און שעפּסעלעך, און זייען און אַקערן די ערד און פאָרן איצט אין שטאָט אַריין צוזאַמען אין אַ לאַנגער שורה מיט אַנדערע פּויערים פּאַמעלעך, רואיג, אָן דאגות און זיכער.

—ס׳באַגאָם!—שרייט אויס צו זיי משה׳לעס טאַטע מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

די פּויערים דאַנקען רואיג און שמייכלען, אָנקוקנדיק לאַנג דעם ייִד מיט די קינדער.

די פעלדער זענען יונג-גרין, פריש-גרין ווי גרין פּאַפּיר. יונגע שפּיציקע גרעזלעך פון שפּעטיקער תּבֿואה שטייען גלייך ווי שפּילקעלעך פון ביידע זייטן וועג, אויף פרישער מאַמעדיקער ערד. פון נאָענט שטייען זיי באַזונדער, פון ווייטן זענען זיי צונויפגעגאָסן, און עס דאַכט זיך, אַז די ערד איז דאָרט פאַרמאָלט מיט גרינע פאַרב. וואו-נישט-וואו גראָט אַ שטיבעלע מיט קליינע חנ׳עוודיקע פענסטערלעך, וואָס קוקן ווי קליינע קלוגע גראָע אויגן אין דער ווייטער וועלט אַריין. און דאָ און דאָרט שפּאַצירט-אַרויס אַ פרוכט-בוים, פונקט ווי ער וואָלט פריער געווען באַהאַלטן, אָנגעטאָן אין ווייסער בליאונג, ווי אַ כלה-מיידל אין אַ ווייס חופּה-קלייד, און הינטער אים שפּאַנט שלאַנק אַ הויכער יעגלבוים פונקט ווי אַן אויסגעפּוצטער חתן הינטער דער כלה. די אַלטע בעראָזע, וואָס שווימט-אַרויס פון דער זייט מיט צעצויגענע צווייגן, פונקט ווי פונאַנדערגעשפּרייטע הענט, זעט אויס ווי אַ מיוחס׳דיקע באָבע, וואָס בענטשט דאָס פּאָרל. ווי אַ שוואַרצבלאָער רויך ציט זיך פון ווייטן דער וואַלד, און עס דאַכט זיך, אַז אַ ברעג הימל פאַלט אין אים אַריין ווי אַ ליכטיק וואַסער. די זון באָדט אין גאָלד די יונגע פעלדער, און עס שמייכלט גרעזל צו גרעזל, בלימל צו בלימל, ווייס-וואָלקנדל צו ווייס וואָלקנדל. ערגעץ שרייט פריידיג אויס אַ פויגל, און אַז מען הייבט-אויף די אויגן, זעט מען, ווי ער פליט אונטער׳ן הימל, ווי אַ שוואַרץ קיילעכל מיט צוויי עקן ביי די זייטן.

עס דאַכט זיך, אַז די זון ווערט גאָלדענער און גאָלדענער. מער גאָלד און מער וואַרעמקייט, מער ליכט און מער טאָג, פונקט ווי ווייסע מלאכים וואָלטן פון די ברייטע פרייע הימלען צוגעגאָסן דעם טאָג מער ליכט. און, ווי לעבעדיקע, שטיפן לייכטע ווינטעלעך. עס דאַכט זיך, אַז מען קאָן זיי אָנכאַפּן, פאַרהאַלטן, צודריקן זיי צו דער באַק, אַריינלייגן אין אַרבל, ווי אַ פיגעלע, ווי אַ שמעטערלינג. דידאָזיקע ווינטעלעך שפּילן זיך מיט די יונגע גרעזעלעך, מיט משה׳לעס האָר, מיט׳ן שטויב אויפ׳ן וועג. מיט אַלעמען זענען זיי גוט און חבר׳לעך. אַז זיי קומען פאַרביי דאָס אויער, גיבן זיי עפּעס אויף דער-גיך אַ זאָג, פונקט ווי זיי וואָלטן פאַר-

שפּרעכן אַ גוטע זאַך, נאָר מען ווייס נישט וואָס. צו-שנעל רעדן זיי. אָבער דער, וואָס פאַרשטייט זייער לשון, דעם ווערט מקויים דאָס צוגעזאָגטע, און משה׳לע פאַרקנייטשט דעם שטערן און פּרובט טרעפן.

לינקס פון וועג הייבן זיך אָן די ציגעלניעס מיט די צוויי הויכע קוימענס. דידאָזיקע ציגעלניעס זענען באַרימט אין שטאָט. לויט משה׳לעס ידיעות האַלטן זיך דאָ אויף גזלנים, מערדער, בייטעלשניידער, קאָרטנשפּילער, מכשפים, רוחות און ריזן, וואָס פאַרצוקן אַלע טאָג אַ הונדערט מענטשן און מען קאָן צו זיי קיין שום תּרופה נישט קריגן. די אַלע שרעקלעכע אַרבייטן ווערן אָבער אָפּגעטאָן ביינאַכט, און בייטאָג איז נישט אַזוי געפערלעך, נאָר פונדעסטוועגן קלאַפּט משה׳לען דאָס האַרץ און מיט אָנגעשראָקענע אייגלעך זוכט ער אויף דעם גרויסן שטח פון צעגראָבענער ליימי-קער ערד, וואו עס שטייען אַלטע בנינים און שטאַלען, אַ פּאָר ריזן אָדער עטלעכע מכשפים. מכשפים און ריזן זענען אָבער נישטאָ, און אָנשטאָט זיי דרייען זיך אַרום פאַרשמייעטע פ אַ ר צ י ג ע ל ט ע ייִדן צווישן לאַנגע שורות וועגעלעך מיט קליינע פערדלעך, און עס הערט זיך ווי זיי שרייען איינער צום צווייטן:

— חאַצקל, צייל-אויס! די מאָס איז שוין דאָ. נישט גע-דאַכט זאָלסטו ווערן!...

עס וואָלט געווען העכסט אינטערעסאַנט צו פרעגן, וואו טוען זיך אַהין בייטאָג די מכשפים מיט די ריזן, אָבער עס איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. אַ גרויסער דערוואַקסענער מענטש וועט נישט וועלן געבן קיין געהעריגן ענטפער וועגן דעם און אַ ייִנגעל ווייס גאָרנישט. און משה׳לע באַשטימט ביי זיך, אַז זיי, די נישט-גוטע מוזן איצט שלאָפן אין די צוויי הויכע קוימענס, וואָס קוקן צום הימל מיט שוואַרצע מיילער, פונקט ווי זיי וואָלטן אים וועלן איינבייסן. דידאָזיקע ציגעלניעס זענען אוודאי שרעקלעך, אָבער רעכטס פון וועג שפּילן אַזויפיל פעלד-פאַרבן און עס איז דאָ אַזויפיל ליכט און הימל, אַז די חאַצקלס מיט די ליימיקע גרי-בער, מיט די הויכע קוימענס, מיט די מכשפים און ריזן גייען באַלד אַרויס פון זכרון און זיי שרעקן נישט מער. אָדער, פאַר-

קערט, זיי זענען גאָר נייטיק דאָ, ווי עס איז נייטיק דער שאָטן דעם שטראַל, די נאַכט דעם טאָג, דער טונקעלער הימל דער לבנה.

פון די ציגעלניעס לויפט דער וועג גלייך אין וואַלד אַריין.* אויף דעמדאָזיקן וועג איז שוין ווייניקער שטויב און ווייניקער שפּורן פון רעדער. קענטיק, אַז מענטשן גייען דאָ אויך ווייניק, און עפּעס אַ קדושה וועיעט שטענדיק פון די ערטער, וואו מענטשן גייען ווייניק. סאמע אינמיטן וואַקסט גראָז, און עס קוקט פון ווייטן אַזוי יונג און זאַפטיק, פּונקט ווי עס וואָלט געוואַקסן ערגעץ אויף אַן אָפּגעהיט פעלד און נישט אויף אַ מיטן וועג. דער מעכטיקער שיין פון טאָג שלאָגט אין די אויגן אַריין און עס ווערט הייסער צו גיין. אויפ'ן בלאָען הימל קומען פון ערגעץ צושווימען, פּונקט ווי פון גאָטס כסא־הכבוד אַרויס, ווייסע קליינע קרייזלדיקע וואָלקנדלעך. זיי באַוועגן זיך לאַנגזאַם אָדער בלייבן פּלוצלינג שטיין, ווי ווייסע טויבן פאַר בלאָ וואַסער. אַמאָל באַהעפטן זיך צוזאַמען עטלעכע וואָלקנדלעך און רוקן זיך אַזוי איבער דער גלאַטער הימל־בלאָקייט פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, קוים צום מערקן, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און צוגעמאַכט די אויגן און אַזוי געצויגן זייער ווייטע און ווייסע נסיעה.

נאָר פּלוצלינג ווערן זיי זיס־אָפּגעשוואַכט, לאָזן זיך איין, פאַרלירן זיך און שטאַרבן, ווי שניי, מיט אַ ווייס לייכט שמייכלען אין דער געדיכטער הימל־בלאָקייט.

משה'לע ווערט נישט מיד צו קוקן אויפ'ן הימל און אויף דער ערד. פאַרקערט, ער פילט בחוש, אַז צוויי אויגן זענען ווייניק פאַר אַ מענטשן. ער האָט נייטיק באַדאַרפט האָבן נאָך אַ צען אויגן. וואָרום בשעת מען קוקט אין איין זייט, איז טשיקאַווע צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער צווייטער זייט, און בשעת מען קוקט אויף די וואָלקנדלעך, ווילט זיך אויך זען, וואָס פאַר אַ פליגעלעך עס דרייען זיך אַרום אינ'ם יונגן גראָז אָדער ווי אַזוי זעט־אויס דער פויגל, וואָס האָט זיך פּלוצלינג צעפּייפט אויף אַ דערבייאיקן בוים. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז דאָס סאַמע זיסטע, וואָס מען קאָן זיך ווינטשן אין לעבן, איז גיין אין אַ הייסן טאָג צווישן פעלדער אין וואַלד אַריין. אָבער גיין נישט אויף איין

טאָג, נאָר אויף שטענדיק, אויף אייביק, דאָס גאַנצע לעבן, אָן אַן אָפּשטעל, אָן אַן אויפהער, כסדר, און קוקן אויף הימל און ערד, אויף וואַלד און פעלד, אויף פויגל און פליגעלע. און מיט־נעמען שיינדעלען האָט מען באַדאַרפט. שיינדעלע פעלט. זי האָט אים באַדאַרפט גיין בײַ דער זייט מיט די אויסגעשווירענע ליפּלעך און מיט דעם קינדישן שנעלן טריט, אַ באַוועגלעכע און אַ האַס־טיקע. און פאַרוואָס האָט ער זי באמת נישט מיטגענומען? האָט ער עס נישט געוואָלט טאָן צוליב די יינגלעך, וואָס לויפן־אַרום, צופרידענע, אַרום טאַטן? אָדער ער איז נישט געווען זיכער, אַז דער טאַטע וועט אים מיטנעמען?

משה׳לען פאַרדריסט שטאַרק, וואָס שיינדעלע גייט נישט מיט אים צוזאַמען און איז פאַרבליבן אין שטאָט. דערדאָזיקער אומשטאַנד פאַרשאַפט אים עפּעס אַ פיינלעכע שפּירונג, פּונקט ווי ער וואָלט האָבן אויפ׳ן געוויסן אַ גרויסע עוולה. אָבער באַלד ווי ער דערזעט דעם וואַלד, דעם אַלטן גרויסן סאָסנע־וואַלד, וואָס שטייט פעסט אויף דער ערד מיט זיינע ריזיקע שטאַמען און לעבט זיך זיין באַ־זונדער לעבן, ווערט אים צוריק לייכט אויף דער נשמה און ער פאַרגעסט אָן אַלץ און אַלעם. דער וועג, וואָס לויפט פון די ציַ־געלניעס אהער, לאָזט זיך דאָ אַראָפּ אין אַ טאָל, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געבוקט פאַר די שטרענגע שווייגנדיקעביימער. משה׳־לען טוט אַ צאַפּל דאָס הערצל ביז ווייטאָק און שמחה צוזאַמען. ער וויל אויסשרייען, אָדער אַ שפּרונג טאָן, אָבער ער איז שוין געוויינט איינצוהאַלטן זיינע געפילן, נישט אויסדריקן זיי פאַר אַלעמען אין די אויגן, לאָזן זיי שווימען בלויז בײַ זיך אין די אייגענע קעמערלעך פון זיין הערצל, און מיט אָנגעשטרענגטע אויגן מאַכט ער שנעלע טריט צום וואַלד.

דער טאָג ברענט אויף די שפּיצן פון די הויכע סאָסנעס, נאָר אונטן ליגן שמעקעדיקע באַוועגלעכע שאָטנס מיט פּאַסן און נעצן פון גאָלד. די דאָזיקע פּאַסן און נעצן פלאַטערן אויך אויף די שטאַמען און צווייגן פון די ביימער, און איבער׳ן גאַנצן וואַלד גייט אַ שפּיל פון גאָלד מיט שאָטן: זיי באַוועגן זיך, פלעכטן זיך

איבער, רוקן זיך פונאַנדער און ציטערן פּונקט ווי לעבעדיקע, און עס דאַכט זיך, אַז זיי יאָגן פאָרזיכטיק אײנאַנדער.

אַז מען קוקט אויף אַלע ביימער מיט אַמאָל, דאַכט זיך אַז זיי גייען: די הינטערשטע ביימער שפּאַרן זיך, די זייטיקע לויפן, איבעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, און די פאָדערשטע גייען. מאַנכע בייגן זיך אָן אין גאַנג, מאַנכע האַלטן מיט שטאָלץ הויך דעם קאָפּ און אַנדערע גייען געאָרעמט. ביי די זייטן זעט זיך וואו=נישט=וואו דער הימל אין בלאָע פאַסקעלעך, פּונקט ווי עמעצער וואָלט דאָרט אויסגעהאַנגען זיידענע בלאָע סטענגעס, און אויבן קוקט ער אין רעדעלעך און קרייזעלעך. ביי די זייטן איז דער הימעל בלאָ, אויבן—בלאָ מיט גאָלד צוזאַמען. טיילמאָל פאַרשווימט אַ ווייס קינדיש וואָלקנדל אין אַ רעדעלע הימל און קוקט מיט ליכטיקן שמייכל און נייגעריקייט אין וואַלד אַריין, קוקט, קוקט, ווי אַ ווייס מלאכ'ל און שווימט זיך לאַנגזאַם אַרויס פון'ם רעדעלע.

און אין וואַלד איז שטיל, און פון'ם האַרטן גראָז, פאַרלייגט מיט אַלטע נאָדלבלעטער און צווייגן, גייט=אויף אַן אײנגעשלאָסענער געדיכטער וואַלד=אַראָמאַט, פון וועלכן עס שווינדלט מחיה'דיק דער קאָפּ, ווי פון גוטן פסח'דיקן וויין. טיילמאָל דערהערט זיך אַן אומבאַקאַנטער טשוויטשער פון אַ פויגעל און אַמאָל דערטראָגט זיך פון ערגעץ אַ שאַרפער קנאַק, פּונקט ווי עמעץ וואָלט געגאַנגען איבער טרוקענע צווייגן. דער טשוויטשער מיט'ן קנאַק רופן זיך תיכף אָפּ אין אַנדער זייט, פּונקט ווי אַ סיגנאַל, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון איינעם צום צווייטן. נאָכ'ן סיגנאַל ווערט ווידער שטיל מיט יענער אָנגעשטרענגטער און סודות'פולער שטילקייט, וואָס נעסטיקט זיך שטענדיק אין אַ גרויסן געדיכטן וואַלד, אָדער אין אַ הייליקן אָרט, וואו עס שטייען אַסך מענטשן מיט פאַרפרעסטע ליפּן און שווייגן.

פון'ם האַרטן וואַלד=גראָז קוקן=אַרויס ווי פאַרוואונדערט קליינע ווייסע בלימעלעך פּונקט ווי שניילעך, און משה'לע הערט, ווי דער טאַטע רופט זיך אָן צו די נייגעריקע יינגלעך:

— פון דידאָזיקע בלימעלעך, קינדער, וועלן שפּעטער ווערן יאַגדעס... רויטע יאַגדעס...

פינפטעס קאַפּיטל.

אַריין טיפער אין וואַלד, בלייבט משה׳לעס טאַטע שטיין צוזאַמען מיט די קינדער. ער קוקט זיך לאַנגזאַם אַרום, נעמט אַראָפּ דאָס היטל און ווישט זיך איבער דעם שווייס פון שטערן. פון זיין אָטעמען איז קענטיק, אַז ער איז מיד; אויפ׳ן האַלדז, הינטער דער באָרד, צוקן אים אָנגעצויגענע אָדערן, אָבער אין די אויגן און אין די וואָנסן שפּילט אים אַ שמייכל. פלוצלינג גיט ער זיך אַ בויג־אויס מיט די הענט צו דער ערד, ציט־צוזאַמען די קני און גיט אַ פאַל אינ׳ם שמעקעדיקן וואַלד־גראָז, נעבן אַ דיקער הויכער סאָסנע.

—אַי, גוט, קינדער, אַי, גוט אין וואַלד...—רעדט ער אַרויס פונ׳ם גראָז און שמייכלט מיט אַ מאָדנעם שמייכל, ווי אַ קינד, ווי גאָר אַ ווייכער מענטש, אפילו ווי אַ מאַמע, און זיין פּנים ווערט אים אינגאַנצן געענדערט.

די קינדער לייגן זיך אויס אַרום אים, ווי קליינע בערג־לעך אַרום אַ העכערן באַרג. די בעקלעך פלאַמען, די אייגלעך ברענען, די שטערנדלעך פאַרשוויצט. אויפ׳ן האַלדז, אויף די

הענט און פיס—שטויב פון וועג, נאָר זיי ליגן גליקלעכע און ווילן שטיפן. משה'לע לייגט זיך אויך אַוועק, עטוואָס אין דער זייט פון עולם, אינ'ם האַרטן שמעקעדיקן וואַלד-גראָז, מיט'ן פנים אַרויף, די פיס אויסגעצויגן און די הענט פאַרלייגט הינטער'ן קאָפּ. אַ זיסע מידקייט צעגיסט זיך אים איבער די גלידער און עפּעס אַ גאַנצקייט פילט ער אין גוף, אַ גאַנצקייט פון קאָפּ ביז די פיס. אַ ווײַלע בלייבט ער אָן געדאַנקען, איבערגעבנדיק זיך דערדאָזיקער זיסער מידקייט, דערנאָך הייבט ער ווידער אָן קוקן אויף די ביימער און אויף די גאָלדענע-שטראַלן-נעצן, וואָס רוקן זיך סודות'דיק איבער'ן וואַלד, און אויף די רעדלעך הימל, וואָס ברענען מיט אַ בלאָען פלאַם הויך איבער די סאָסנעס. מען קאָן שעה'נווייז לאַנג קוקן אויף אַלץ און נישט מיד ווערן. און אַז מען קוקט לאַנג אויף דעם אַלעם דאַכט זיך, אַז מען ווערט אויך אַ בוים, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן הויך איבער דער ערד און שטייט מיט אַלע ביימער צוזאַמען אונטער דער זון. און דערנאָך ווערט וואונדערלעך שטיל אויף דער נשמה און די בלוטן, מען ווערט צוריק אַ מענטש, די אויגן מאַכן זיך-צו און מען פילט זיך אַזוי זיס איינגעוויגט. פונקט ווי אין ווייכע זיידענע וואָלקנס... און די ערד ליגט שוין נישט אַזוי ווייט און נידעריק פון הימל. פאַמעלעך דערהייבט זי זיך צו אים און זיי צעקושן זיך.

משה'לע געדענקט נישט, ווי לאַנג ער האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן און וואו איז ער געווען פאַר דערדאָזיקער צייט. אָבער שפּירן שפּירט ער, אַז דאָרט, וואו ער איז געווען מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָבן געפלאַטערט גאָלדענע שטראַלן און זונען האָבן געשמייכלט און ווייטע בלאָע שטערנדלעך האָבן געטאַנצט און פרייע ברייטע הימלען האָבן זיך געוויגט. און נאָכאַמאָל וויל ער עס איבערלעבן אין די זכרונות, נאָר דער וואַלד לאָזט נישט. מען מוז קוקן אויפ'ן וואַלד, אויף אָט די מענגעס גייענדיקע ביימער, אַרום וועלכע עס פליסט די שטילקייט, ווי אַ ברייטער טיפער טייך. מען מוז קוקן אויף זיי און ווערן אויך אַזוי, ווי זיי. מען מוז אויך ווערן אַ בוים. נאָר

וואוהין גייען זיי? וואוהין גייען די געוואַלטיקע מענגעס ביימער אין אַזאַ שטילשווייגן? אַלץ גייט: דער הימל גייט, די ביימער גייען, די גאָלדענע שטראַלן גייען, די טונקעלע שאָטנס רוקן זיך, און דאָך איז אַלץ אַזוי שטיל און פאַרגליווערט, פונקט ווי קיין איין זאַך וואָלט זיך נישט באַוועגט.

באַוועגונג אין שטילקייט און שטילקייט אין באַוועגונג, און עס איז שווער צו וויסן, ווער פון די ביידע איז שטאַרקער. פאַר׳ן אויג — באַוועגונג, פאַר׳ן אויער — שטילקייט. און די הויכע שלאַנקע סאָסנעס שפּאַנען ווי ריזן איינע אונטער די אַנדערע אין רויטע העמדער מיט גרינע מיצן אויף די קעפּ ווי אַן אומבאַקאַנט פאָלק, וואָס לעבט נישט צוזאַמען מיט די מענטשן אויף דער ערד, און עס דאַכט זיך, אַז זיי שפּרייזן־איבער מיט ברייטע טריט איבער משה׳לעס קאַטן מיט די יינגעלעך, וואָס ליגן אַרום אים.

נישט ווייט פון משה׳לען שטייען צוויי ביימער אַרומגענומען, געוויקלט און געטוליעט איינער צום צווייטן. איין בוים איז אַ העכערער, דער צווייטער — אַ קלענערער, און דער קלענערער ליגט אין די אָרעמס פון דעם העכערן. משה׳לע קוקט אויף זיי און קאָן בשום אופן נישט געדענקען, צו וועמען זיי זענען ענלעך. עפּעס אַזוינס האָט ער שוין געזען, אָבער ווען און וואו געדענקט ער נישט. ערשט נאָך אַ לאַנגן טראַכטן און אָנשטרענגען דעם זכרון דערמאָנט ער זיך, אַז אַזוי האָט ער טיילמאָל געזען גייענדיק אַ בחור מיט אַ מיידל אין גאַס. דער בחור איז געווען העכער, דאָס מיידל נידעריקער און זי האָט זיך געטוליעט אין זיין אָרעם.

אָבער פאַראַן אויך טויטע ביימער, ווי טויטע מענטשן. די ליגן אויף דער ערד, פאַרטריקנט און פאַרוועלקט, אין אַן אומבאַהאָלפענער פּאָזע: קענטיק, גלייך פון אָרט געפאַלן און מער וועלן זיי זיך שוין קיינמאָל נישט אויפהייבן. אַמאָל ליגט טויט אינ׳ם גראָז אַ גרויסע לאַנגע סאָסנע. און אַז מען קוקט אויף איר, באַפאַלט עפּעס אַ רחמנות... דאָס אומבאַוועגלעכע ליגן איז אויך אַזוי שרעקלעך, ווי דאָס ליגן פון אַ טויטן מענטשן. פון וואָס איז געפאַלן דערדאָזיקער בוים? האָט־אים עמעץ אומגעוואָרפן אָדער ער

איז קראַנק געווען? דער טאַטע זאָגט, אַז ביימער ווייסן אויך פון קראַנקהייטן, פונקט ווי מענטשן. אָבער די ביימער קוקן נישט אויף זייער געפּאַלענעם ברודער. זיי שפּאַנען זייער וועג און באָדן פריילעך די קעפּ אין די וואַרעמע גאָלדשטראָמען פון דער זון.

און משה׳לע פילט, אַז דער רייך פון וואַלד איז איבער זיין שכל, אַז דער וואַלד האָט אַזאַ כּישוף׳דיקע מאַכט, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן, ווי עס לאָזט זיך נישט דערקלערן, פון וואַנען שטאַמט גאָט. און עס קומט אים אויפ׳ן זכרון דער מערדער ריכאַרד און זיין באַנדע, וואָס הויערן טאָג און נאַכט אין די וועלדער, און עס ווערט אים קשה, ווי אַזוי קאָן מען לעבן אין אַ וואַלד און זיין אַ שלעכטער מענטש, אַ מערדער? ווי אַזוי קאָן מען איינאָטעמען די לופט אין וואַלד און וועלן בעת מעשה עמעצן שלעכטס טאָן? און ער באַשליסט ביי זיך, אַז ווען ער וואָלט איצט אָנבאַגעגנט דעם שרעקלעכן מערדער ריכאַרד, וואָלט ער זיך פאַר אים נישט דערשראָקן, וואָרום דאָ, צווישן די גוטע ביימער, וואָלט אים ריכאַרד זיכער גאָרנישט געטאָן.

— אַז איך וועל זיין אַ גרויסער, — טראַכט משה׳לע, — וועל איך דאָ אויסבויען אַ קליין הייזעלע און וואוינען צוזאַמען מיט... שיינדעלען. און אַלע טאָג וועל איך אויפשטיין פרי און זען, ווי עס גייט־אויף די זון.

און דערדאָזיקער געדאַנק טראָגט משה׳לען אַוועק ווייט אין עתיד אַריין און ער זעט זיך ווי אַ גרויסער שטאַרקער מענטש, וואָס וואוינט אין אַ שיין הייזעלע אין וואַלד. דאָס הייזעלע האָט קליינע ליכטיקע פענסטערלעך, און אַז מע קוקט אַרויס פון איין פענסטערל, זעט מען, ווי עס גייען אָן אויפהער מענגעס ביימער, אויבן באַגאָסן מיט גאָלדענער זון, ווי מיט קרוינען. און עס ווערט אים אַזוי לייכט, אַזוי העל און אַזוי האַרציק־גוט אויף דער נשמה, אַז אַ פייכטקייט טרעט אים־צו צו די אויגן, און, אַ פאַרשעמטער, אַ פאַררויטלטער, פאַרבאָרגט ער דאָס געזיכט, פונקט ווי עס וואָלט זיין אַ זינד צו פילען זיך אַזוי גוט.

— ר׳ שמעון, ביימער רעדען?... פרעגט אַ ייִנגעל משה׳לעס טאַטן.

—ביימער רעדן, מיין קינד... — הערט משה'לע דעם טאַטנס ענטפער, און דער קול זיינער איז אַזאַ געלייטערטער, אַזאַ ריי־נער, פונקט ווי ביי אַזאַ איינעם, וואָס האָט קיינמאָל נישט גע־לעבט צווישן בייזע מענטשן אין אַן אָרעמער גאַס.—ביימער רעדן און גראָז רעדט און וואַסער רעדט, נאָר שטיינער שוייגן...

— אָבער ווער פאַרשטייט זייער לשון?...

— דער, וואָס האָט זיי ליב...

די יינגעלעך פאַרקוקן זיך אויף די ביימער און פרוון באַ־גרייפן דעם ענטפער.

— ביימער, — זאָגט ווייטער דער טאַטע, — רעדן אויף דעם שטילסטן לשון. אָבער אין שטורם שרייען זיי... אין אַ שטורם ווע־רען זיי בייז, די ביימער...

— און אַזוי זענען זיי גוטע?

— גוטע, גוטע, מיין קינד... — און דער טאַטע פאַרטראַכט זיך עטוואָס: — בעסערע פון מענטשן...

דער טאַטע שמועסט לאַנג מיט די קינדער, און פאַמעלעך טוט־אויס דער טאָג פון זיך דאָס גאָלד. ברייטער און ברייטער ווערן די שאָטנס אין וואַלד, און די רויטלעכע שטראַלן אויף די ביימער פלאַטערן נאָר אויף איין זייט שטאַם. די אַלע גאָלדענע שטראַלן פאָרן, קענטיק, אַוועק אויף דערנאַכט אַהיים. דאָרט, ווייט, טיף אין וואַלד, האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט. דאָרט ברענט און גליט אַ פייערדיקע רויטקייט מיט צעשפּרייטע גאָלדענע סטענ־געס, און די ביימער, שוואַרצע און פאַרכישופ'טע, שטייען אין איר ווי אין פייער. מחנות גאָלדענע שטראַלן זענען געקומען אַהין, זיך איבערגעטאָן אין רויטע העמדער און פאָרן אַהיים שלאָפן. זיי פאָרן פריילעכע, שפּילנדיקע, און אַז מען זאָל פון דאָסניי צו־מאַכן די אויגן, דאַכט זיך, אַז זיי זינגען שטיל און לאַנגזאַם, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך מיט עמעצן פון דערווייטנס געזעגנט. גוט איז איצט צו זיין אַ רויטער שטראַל און, זינגענדיק, אַוועק־פאָרן שלאָפן אין הימל אַריין צוזאַמען מיט אַ מחנה שטראַלן. נאָר אין דער אַנדערער זייט וואַלד איז שוין רעכט טונקל און די טונקלקייט איז אַ בלאָע, פונקט ווי אַ רויך וואָלט זיך געשפּרייט

צווישען די ביימער. גנב׳יש און אָן אַ שום קלאנג שליסן זיך שאָ־טנס צו שאָטנס, שאָטנס צו שאָטנס. און פון די ביימער רייסן זיך אָפּ די לעצטע רויטע שטראַלן און פאַרשווינדן, פונקט ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרבלייבן מיט די שאָטנס.

די קינדער וויקלען־פונאַנדער זייערע קלייניטשקע פעקעלעך און זעצן זיך עסן. זיי גיבן אויך משה׳לען פון זייערע פעקעלעך, אָבער משה׳לען שמעקט נישט דאָס עסן איצט. עס פאַרכאַפּן איםביידע זייטן וואַלד: איין זייט שטייט אין פייער, די צווייטע אין בלאָליכן שאָטן. און עס דאכט זיך, אַז זיי גייען איינע צו די אַנ־דערע: פייער גייט צו שאָטן און שאָטן גייט צו פייער, נאָר דער שאָטן איז שטאַרקער און די ביימער וויקלען זיך אין אים ווי אין טונקעלע מאַנטלען און נעמען־אָן טויזענטער געשטאַלטן: דאָ ווערן זיי הויך ביז׳ן הימל, דאָ נידעריק און געבויגן, און דאָ גיסן זיי זיך צוזאמען אין אַ שוואַרצער וואַנט מיט שפּעלטעלעך הימל.

טייבלמאַל נעמט אַן איינצלנער בוים און מאַכט סתם משונה׳־דיקע תנועות, ווי אַ צעלאָזט יינגל: שטעקט־אויס אַ צונג, פאַר־קרימט די נאָז, גלאָצט מיט די אויגן, פאַרבייגט אַ פוס און שפּרינגט ווי אַ הינקעדיקער, אָדער ער מאַכט זיך פאַר אַ האַרבאַטן בעט־לער, וואָס ציט־אויס די האַנט נאָך אַ נדבה. און ערשט איצט דער־שפּירט משה׳לע, אַז אַ וואַלד האָט אין זיך שרעק...

— אָבער אַז איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך זיך נישט שרעקן... — באַשליסט משה׳לע ביי זיך און הייבט זיך־אויף אויף די פיס.

די טונקלקייט וואַקסט אין די אויגן. דער פאַרנאַכט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, ווי אַן אומגעהויער גרויסער טונקעלער פויגל מיט אומענדלעכע פליגלען, און ער פּאַקט מיט זיי קיל און ברייט אונטער דעם מידן הימל. און דאָרט, אויף דעם מידן הימל לעשט זיך דער לעצטער שמייכל פון טאָג. די ווייס־גראָע וואָלקנ־דלעך, וואָס בלאָנקען־אַרום אָן אַ תכלית, פאַרקערט עמעץ אויפ׳ן הימל אין לאַנגע פאַרטראַכטע וואָלקנדלעך־שורות און טרייבט די־דאָזיקע שורות צום הימל־ברעג. מען רייניקט, מען פיילט און מען פּוצט איצט דעם הימל. מיליאָנען אומגעזעענע הענט טוען דידאָזיקע

אַרבייט, און אַט ווערט דער הימל טונקעל־בלאָ, ווי בלאָ גלאָז, און עס פילט זיך, אַז ער טראָגט שוין אין זיין זיידענעם בוזעם נייע, גאָלדענע, נאָר־וואָס אויסגעשליפטע לאַכענדיקע שטערנ־דלעך...

אָבער משה'לע קוקט זיך אַרום אין וואַלד, און אים דאַכט זיך, אַז נעבן יעדן בוים וואַקסט־אויס אַ פאַרבאָרגן שטיל באַשע־פעניש, וואָס לויערט אויף עמיצן מיט שאָטנדיקע אויגן. די דאָזיקע באַשעפענישן קוקן זיך איבער, באַוועגן זיך מיט אַ שטילן שאָרך און האָבן אַ שייכות צום מערדער ריכאַרד, וואָס מוז געוויס גיין אַהער מיט זיין באַנדע גזלנים.

— הוק... דערטראָגט זיך אַ טונקעלער קנאַק פון די ווייטע ביימער. — הוק... הוק...

— צאָלל! — שרייט אויס אַן אומבאַקאַנטער פויגל סאַמע איבער'ן קאָפּ, און אויף אַ ווייטן בוים ענטפערט אים אַ צווייטער.

— פלי... פלי... פלי... — וואָרקעט עפעס אַ ווילד פאַלש פיי־געלע אין אַן אַנדער ווינקל וואַלד.

— דער וואַלד שרעקט... קומט משה'לען פון דאָסניי אויף דער מחשבה. דאָס האַרץ טוט אים עטוואָס אַ צאַפּל, און אים דאַכט זיך, אַז ער וועט באַלד דערזען ריכאַרד'ן.

נישטאָ מער קיין שטראַלן אין וואַלד. אַ וואַרעמע פינ־סטערניש רוקט זיך מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און וויל אַלץ שטיל און גנב'יש אַרומנעמען און אונטער איר רוקן זיך פאַוואָליע די מאָדנע באַשעפענישן, וואָס קוקן מיט טיפע שאָטנדיקע אויגן.

משה'לעס טאַטע הייבט זיך־אויף פון גראָז מיט אַ שטיק וואַלד־פינסטערניש אויפ'ן פּנים און גיט אַ רוף די קינדער אין וועג אַריין. פון זיינטוועגן האָט מען אפילו געקאָנט אַ גאַנצע נאַכט פאַרברענגען אין וואַלד, אָבער ער פאַרשטייט, אַז די קינדער שרעקן זיך עטוואָס און ער איז זיך מכין אַוועקצוגיין. די קינדער רינגלען אים אַרום און נעמען אים אָן פון ביידע זייטן פאַר די הענט. ער מאַכט דעם ערשטן טריט, און אין דערפינסטער דאַכט זיך, אַז ער טראָגט צוויי שווערע שוואַרצע זעק אין ביידע הענט. אָבער עס איז אָנגענעם אַרויסצוגיין פון וואַלד אין דערפינסטער, ווען די

ביימער גייען־צו צו דער נאָז אומבאַמערקטערהייט און קלאַפּן זיך לײַכט אָן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געמאַכט אַ שפּאַס, און אויבן, אויפ׳ן בלאָען הימל, פּינטלען און טאַנצן זייערע שפּיצן.

צו־נאַכט ווערט געדיכטער די וואַרעמקייט און דער ריח פונ׳ם טרוקענעם וואַלד־גראָז, וואָס קנאַקט אונטער די פיס, פּונקט ווי ער וואָלט געלאַכט, און דערפון שווינדלט עטוואָס דער קאָפּ, ווי פּסח נאָכ׳ן סדר אָדער ווי פאַרטאָג נאָך אַ חתונה. דער געדיכטער וואַלד־ריח פּילט־אָן גישט בלויז די לונגען, נאָר אויך דעם קאָפּ, די הענט און פיס, ער שפּרייט זיך אויך אין בלוט, און עס דאַכט זיך, אַז מען איז אַ טייל פון וואַלד און מען טראָגט אין זיך דאָס שוויַיגן פון די ביימער און די טונקלקייט פון דער לופט.

אָבער משה׳לע געדענקט נישט, ווען ער איז אַרויס פון וואַלד. עס דאַכט זיך, אַז דער וואלד איז מיט אים מיטגעגאַנגען סאַמע ביז דער שטאָט. ער האָט דעם וועג צוריק נישט געזען: פעלד פון איין זייט, פעלד פון דער צווייטער זייט, אויבן אַ קילער פריילינגס־הימל, וואָס לעשט פאַמעלעך אויס די לעצטע פאַרנאַכט־רויטקייט, און אַ בלאַסער וועג, וואָס לויפט פאָראויס ווי אַ נעפּלדיקער טייך. אין די יונגע תּבואות שלאָפט שוין דער ערשט־געקומענער אָוונט, אַרומגענומען מיט וואַרעמע גראָע נעפּלען, און אַ שטילקייט איז צעגאָסן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן.

משה׳לע שטעלט ברייטע טריט. פון די מחשבות, פון נישט עסן און פון גיין אַזויפיל צופוס ווערן אים שאַרפער די געזיכטס־שטריכן, און אין דעם אָוונט־ליכט זעט ער אויס יונג און אַלט צו־זאַמען. צייטנווייז קלאַפּט זיך אים אָפּ אָן שטערן אַ גרויסער שוואַרצער זשוק, ווי אַ האַרט שטיינדל, און רייסט אים איבער די מחשבות, און אַז ער לאָזט־אַראָפּ די אויגן, זעט ער, ווי פון אַ וועג־גרעזל פאַלט־אַראָפּ אַ ליכטיק טראָפּעלע טוי, ווי אַ ווייס פּייערל, און אויפ׳ן בלאַסן שטויב ווערט דערפון אַ שוואַרץ פּינטעלע.

און אָט הייבט זיך־אויף אין דערפינסטער די שטאָט, די אַלטע גרויסע שטאָט, מיט די באַקאַנטע געסלעך און גאַסן, מיט די פאַרשלאָפענע ווייבער און ייִדן, מיט׳ן שווערן שטויב, מיט די געלע פייערלעך, מיט׳ן נמאס׳דיקן געරויש פון פורן, מיט דער

איינגער דושנער לופט און מיט די קוויטשיקע געשרייען פון קינ־דער. און אָט איז ווידער די לאַנגע טאָטערשע גאַס מיט די גראָע פאַרקאַנעס און קליינע הייזעלעך, מיט די וויסטע אומעטיקע קרעמ־לעך און צעבראָכענע גאַס־לאַמטערנעס, וואָס ברענען קיינמאָל נישט; און נאָך דעם פרייען גרויסן וואַלד, וואָס איז געבליבן ער־געץ פון הינטן, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, דערשפירט איצט משה׳לע אויף דער לאַנגער אָרעמער טאָטערשער גאַס עפּעס אַ טיפן שטאָך אין האַרצן און עס ווילט זיך כמעט ווי וויינען.

אַז זיי גייען אַרויף אויפ׳ן הויף, ברענען שוין גאָלדענע צי־טעריקע קליינטשקע לעמפּעלעך אויפ׳ן טונקעלן אָוונט־הימל. אַפּנים אַז דאָרט אויפ׳ן הימל איז איצט אַ פּאַראַד, אַ באַל, אַ גרויסער יום־טוב, און מלאכים מיט ווייסע פליגלען אויפ׳ן רוקן באַוועגן זיך לייכט און שטיל אַרום לאַנגע ווייסגעדעקטע טישן... נישט אומזיסט ברענען אַזוי העל דידאָזיקע לעמפּעלעך און נישט אומזיסט זענען זיי אין אַזאַ גרויסער צאָל צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון הימל. איבער׳ן הויף אָבער דרייען זיך אַרום ייִדן מיט אָפענע הערצער, ביי די שוועלן זיצן מידע ווײַ־בער און זייגן קינדער, אין די פענסטער קוקן געלע פייערלעך פון פאַררויכערטע קליינע לעמפּעלעך, אויף אַ גאַנעק מיאַאוקעט אַ הונגעריקע קאַץ און אַ קליין ייִנגל מיט אַן אַרויסגעשטעקט העמדל פון די הייזלעך, קויקלט פאַר׳עקש׳נט אַ רייף אין דער פינסטער און פאַלט פלוצלינג אַנידער צוזאַמען מיט׳ן רייף.

נאָר אָט איז שיינדעלע. זי וואַקסט פלוצלינג אויס אויפ׳ן הויף, ווי אַ באַוועגלעכער שאָטן, און אינדערפינסטער ליגן איר די אויגן אויפ׳ן בלאַס פּנימ׳ל, ווי צוויי שוואַרצע פלעקען.

— משה׳לע! — גיט זי זיך אַ ריס פאָרויס און כאַפּט אים אָן ביי די הענטלעך.

— איך בין געווען אין וואַלד, שיינדעלע... — רוימט ער איר איין אויפ׳ן אויער און ביידע קינדער קוקן זיך אָן שטום, טיף און לאַנג.

— משה׳לע — לאָזט זי אַראָפּ די אויגן־פלעקן — פאַרוואָס האָסטו מיך נישט מיטגענומען... ביזט אַ שלעכטער...

שטאַמלט משהלע: דער טאַטע!...— ער וועט מיך נישט מיט־נעמען, האָב איך געמיינט...

אָבער שיינדעלען באַרוהיקט עס נישט. זי האַלט נאָך אַלץ אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דאָס גאַנצע פיגורל אירס דריקט־אויס אָנגריף און פאַרדרוס.

— דו האָסט מיך געקאָנט אַ רוף טאָן... דו ביזט אַ שלעכ־טער...— זאָגט זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט גערעדט צו דער ערד.

— שיינדעלע...

— ניין, דו ביזט אַ שלעכטער...

— איך וועל דיך ווייטער מיטנעמען, שיינדעלע...— פאַר־ענטפערט ער זיך ווייך.— נאָר דו ווייסט?— בייגט ער זיך אָן צו איר און זאָגט מיט אַ טאָן פון אַ סוד — פאַרנאַכט שרעקט דער וואַלד...

דאָס וואָרט שרעקט דערנענטערט זיי ביידן, שיינדעלע פאַרגעסט באַלד די באַליידיגונג און ציט אים פאַר'ן הענטל צו איר אין שטוב אַריין, און משה'לע גייט איר נאָך, ווי אַ בלינדער.

און ביי שיינדעלען אין שטוב איז ליכטיק און ליב און היימלעך, עס שמעקט מיט ערשט־געבאַקענעם ברויט, פון ערגעץ אַ ווינקל קוקן־אַרויס פאַיעס אויגן מוטערלעך און האַרציק און פון הינטן וואַקסט־אויס דער משוגענער ברודער, פּלוצלינג און אָן אַ שום שאָרך, מיט א צעגאָסענעם שמייכל אויפ'ן פּנים און ער מורמלט ווייך און שטיל זיין שטענדיק מורמלען:

— איז אַז איז... איז אַז איז...

און פון ערגעץ שווימט־אָן פאַיעס גוטער גלעטנדיקער קול:

— זעץ זיך, מיין משה'לע, צום טיש. מיר וועלן באַלד אַלע עסן. איך האָב פאַר דיר אַ גוטע זאַך...

אָבער ביז וואַנען מען גייט צום טיש, גייט משה'לע מיט שיינדעלען אין יענעם קאַמערל, וואו בייטאָג זעט מען פון פענס־טער כמעט אַלע דעכער פון שטאָט. דאָס איז אַ געמיש פון אַסך דע־כער צוזאַמען מיט שפּיצן פון קלויסטערס: הויכע און נידעריקע, ברייטע און שמאָלע, פאַרשפּיצטע און פלאַכע. סאַמע אין דער־

מיט שטאָט הייבט זיך הויך און שטאָלץ דער קופּאָל פון גרויסן בית־מדרש, און רעכטס, אויף אַ בערגל, קוקט פעסט, טרוקן און האַרט די ווייסע טורמע מיט די קליינינטשקע אַריינגערוקטע פענ־סטערלעך און מיט די פיר קיילעכיקע טורמס ביי אַלע פיר זייטן. נאָר איצט זענען אַלע הייזער צונויפגעגאָסן אין איין הויז, וואָס ליגט אונטער׳ן פענסטער, ווי אַ טונקעלער באַרג און פינטלט מיט טויזנטער פייערן, ווי מיט אויגן.

ביידע קינדער שטעלן זיך ביים פענסטער, און משה׳לע לייגט־אַוועק אַ הייסע באַק אויף שיינדעלעס שמאָלן אַקסל. ער מאַכט־צו די אויגן און זעט פון דאָסניי די גייענדיקע ביימער פון וואַלד און די פּאַסן גאָלד וואָס שפּילן מיט די שאָטנס. דאָס אַלץ קומט-אויס אין דמיון שענער, העלער און ציִענדיקער, און עס גלויבט זיך שוין נישט מער, אַז דער וואַלד האָט געקאָנט שרעקן. און קליין ווערט אין דמיון דער וואַלד אַזוי, אַז מען וואָלט אים געקאָנט נעמען אויף דער האַנד און אַוועקטראָגן.

— משה׳לע... — רופט שיינדעלע שטיל.

— וואָס, שיינדעלע?...

— גלאַט אַזוי...

— משה׳לע...

— וואָס?

— איך בין שוין נישט בייז...

— נו, זעסטו...

— אָבער...

— שיינדעלע, — שלאָגט ער איר פלוצלינג איבער, — אַז מיר וועלן זיין גרויסע, וועלן מיר וואוינען אין אַ וואַלד... מיר וועלן האָבן אַ קליין הייזעלע מיט פענסטערלעך... די ביימער וועלן רוישן און אַריינקוקן צו אונדז אין די פענטסטערלעך אַריין... הויכע, רויטע ביימער... און אויפשטיין וועלן מיר פרי... געפעלט דיר?

— יאָ, געפעלט...

— און נאָר מיר אַליין וועלען וואוינען... הערסט?

זי לייגט־צו איר שטערן צו זיינעם און פרעגט זייער קינדיש:

— און איך וועל זיין דיין ווייב?...

— און דו וועסט זיין מיין ווייב... — זאָגט משה׳לע און פאַרזינקט נאָך טיפער אין׳ם קליינישקן דמיון־וואַלד.

— אָבער, משה׳לע, ווען וועלן מיר זיין גרויסע?...

נאָר משה׳לע ענטפערט נישט. פון אונטער די פיס רוקט זיך אים אַוועק די פּאָדלאָגע, און אים דאַכט זיך, אַז ער שווימט איבער אַ גרויסן ליכטיקן שטח צווישן טויזנטער פייערן און פאַרבן, און ביי די זייטן רוישן אַלטע רויטלעכע סאָסנע־וועלדער, און אין׳ם רוישן פון די וועלדער פילט ער אַ שפּראַך, וואָס ער הייבט ערשט אָן צו פאַרשטיין. דער טאַטע איז גערעכט: וועלדער האָבן זייער לשון. און אַ מאָדנע זאַך: אַזוי, מיט אַזאַ טאָן, דאַכט זיך משה׳לען, באַדאַרף רעדן גאָט. דער לשון פון וואַלד, דאָס איז דער לשון פון גאָט.

אַלעמאָל, בשעת משה׳לע זיצט ביי שיינדעלען אין שטוב, לויפט זייער שנעל די צייט, פונקט ווי פאַר דערדאָזיקער שטוב וואָלט אַ באַזונדער צייט געווען — אַ קורצע, אַ האַסטיקע, אַ שנעלע, און אָט געפינט זיך שוין משה׳לע אויף זיין געלעגערל און קוקט מיט אָפענע אויגן אין דער דושנער פינסטערניש אַריין.

דער טאַטע לייענט היינט נישט, און משה׳לע קאָן נישט איינשלאָפן: דער וואַלד, דער גרויסער אַלטער סאָסנע־וואַלד האָט איבערגעגעבן דעם יינגל איינעם פון זיינע סודות און דאָס יינגל פאַרבלייבט שוין אויף אייביק אין זיין מאַכט, פונקט ווי אין דעם מעשה׳לע מיט דער פּרינצעסין, וואָס האָט אויף אייביק פאַר׳כישופ׳ט אַ יונגן פּרינץ. משה׳לע קאָן זיך שוין מער קיינמאָל נישט באַרוהיקן. ער טראָגט שטענדיק וואַלד־ווייי אין זיין האַרצן און אַז ער דערזעעט אַ סאָסנע־בוים און דערפילט פון וויטן דעם ריח און די באַוועגונג פון אַ וואַלד, פאַרגעסט ער אָן דער גאַנצער

וועלט און אָן זיך און ער דערפילט זיך באַלד ווי אַ קליין טיילכעלע פונ'ם גרויסן ריז, ווי אַ בוים צווישןביימער, און פאַרשטייט און שפירט דעם לשון פון וואַלד, פונקט ווי ער וואָלט זיך מיט אים צונויפגעגאָסן אויף אייביק.

זעקסטעס קאַפּיטל.

אַ לײדיק װײבעריש פּנים אָהן ברעמען מיט אַ גראָ שיטער בערדל, װאָס װאַקסט בּלױז אױפ׳ן האַלדז; בּרײטע שיטער־הױטיקע בּאַקן, װאָס טרײסלען זיך אין גאַנג; קלײנע שטאַרע אײגלעך, װי צװײ גראָע פאַררױכערטע גלעזלעך, טיף אַרײנגעשטעלט אונטער׳ן שטערן; אַ נאַקעטער קאָפּ אָן האָר מיט אַ הױכן שטערן, צעאַקערט אין קנײטשן, מיט שװאַרצע שנירעלעך בּלאָטע אין דידאָזיקע קנײטשן; אַ נאָז װאָס זיצט אױפ׳ן פּנים, װי אַ קלײן װענטל אָדער װי אַן אָפן טירל אין אַ שאַפע און איז אומעטום אײן בּרײט און אײן לענג; אַן אַלטער אָפּגעבּליאַקירטער מאַנטל, װאָס טױג זיך סײ װינטער, סײ זומער; גרױסע קלעצעװדיקע שטיװל, װאָס זעען־אױס װי געמאַכט פון בּלעך; אַ גרױסער סוקעװאַטער שטעקן אין אַ בּרײטער שװאַרצער האַנט—דאָס אַלץ איז זלמן.

זינט משה׳לע געדענקט זיך, געדענקט ער אױך זלמנ׳ען. נישטאָ אַ ליכטיקער טאָג אָדער אַ בּין־השמשות, אָדער אַן אָװנט אָן זלמנ׳ען. דערדאָזיקער ייד האָט אַפילו זײן שטענדיק אָרט

וואו צו זיצן: אין ווינקל, ביים עק טיש, וואו עס איז פינסטער־לעך און וואו זיין ווייבעריש גראָ פּנים קוקט־אַרויס פון דאָרטן טויט און שווייגנדיק, ווי אַ מצבה.

זלמן האַלט, אַז שווייגן איז זייער אַ גוטע זאַך און אַז די צונג איז געגעבן געוואָרן צום רעדן בלויז דאָס סאַמע נייטיקסטע, דאָס סאַמע קירצסטע, ממש אַ פּאָר געציילטע ווערטער אַ טאָג, נאָר אויסער מעשה׳לעך. פּאַר מעשה׳לעך באַדאַרף געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם. וואָרום מעשה׳לעך זענען דאָס סאַמע נייטיקסטע, דאָס סאַמע וויכטיקסטע, אפשר בילכער פון עסן, פון טרינקען, אַזוי טייער ווי דאָס לעבן.

אונטער זיין הויכן טיף־געקנייטשטן שטערן נעסטיקן זיך טויזנטער העלע, זוניקע מעשה׳לעך וועגן בלאָע ים׳ען, וועגן ליכ־טיקע הימלען, וועגן גאָלדענע טעג, וועגן גן־עדן־פייגעלעך, וועגן שלאָפנדיקע פּרינצעסינס, וועגן שמייכלענדיקע קינדער, וואָס האָבן געהאַט ווייסע פליגעלעך אויפ׳ן רוקן און האָבן געקענט פליען פון די הימלען צו דער ערד און פון דער ערד צו די הימלען; וועגן פאַר׳כּישופ׳טע אָקרענטן, וואָס האָבן געפירט דעם מזל פון דער וועלט און דער מזל האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט און אין ים פאַרזונקען; וועגן אַ מיליאָן שמייכלען, וואָס אַ מלך האָט אַרויסגעפאָדערט צו ראַטעווען זיין בת־מלכּה, און נאָך און נאָך און נאָך.

אָבער זלמן האַלט דידאָזיקע זוניקע אָדער האַרציק־טרויערי־קע מעשה׳לעך פאַרשלאָסן אין זיין נאַקעטן קאָפּ, ווי אין אַ טורמע און נישט גערן לאָזט ער אַרויס אויף גאָטס וועלט איינס אָדער צוויי פון זיי. ער האָט זיי ליב צו טראָגן מיט זיך, ווי אַ קאַרגער עושר זיינע גאָלדשטיק, פונקט ווי זיי וואָלטן, חלילה, וואָכעדיק ווערן און וואָלטן פאַרלירן די פאַרבן דורכ׳ן דערציילן, אָדער זיי וואָלטן זיך שוין מער נישט אומגעקערט צוריק צו אים אין קאָפּ — אין זייער נעסט אַריין.

מעגלעך, אַז צוליב דידאָזיקע ליכטיקע מעשה׳לעך איז ער אַ שווייגער: ער הערט זיך איין און קוקט זיך־צו צו זיי, צו זייערע שפּילנדיקע רעגנבויגן־פאַרבן, פונקט ווי ער וואָלט איבער־

געדרייט די אויגן מיט׳ן זע־נערוו צו זיך אין קאָפּ אַריין און נישט צום דרויסן. ער באַוועגט זיי, שטעלט זיי איבער, פלעכט זיי צוזאַמען, מאַכט אין דמיון אַ זוניקע מעשה׳לע־זאַווערוכע, אַ געדרענג, אַ ליכטיקן שטורם־ווינד פון מעשה׳לעך ווי פון שנייעלעך — און ער וויל זיך אָט דעם תּענוג נישט איבערשלאָגן דורך רייד מיט מענטשן. ער וויל זיך אויך נישט איבערשלאָגן דורך עסן. עסן האָט ביי אים אויך קיין באַטרעף נישט. דאָס האָבן מענטשן אויסגעטראַכט און דערנאָך קאַליע געמאַכט. אייגנטלעך איז גענוג פאַר אַ מענטש אַ גלאָז טיי, האָבן זיי אָבער גענומען און מסדר־געווען דעם טאָג אויף פרישטיקן, מיטאָגן און אָוונטברויטן. אַ גאַנצן טאָג האַלט מען נאָר אין איין עסן, טרינקען און רעדן אַזוי, אַז עס איז נישט אויסצוהאַלטן. וואו מען זאָל זיך נישט קערן און ווענדן, הערט מען שטענדיק אַ מענטשנס קול און וואו מען זאָל נישט וואַרפן אַן אויג, זעט מען נאָר מענטשן עסן. עסן און רעדן — דאָס זענען די גרעסטע צוויי פעלערן, פון וועלכע מען וועט זיך שוין מסתּמא קיינמאָל נישט קאָנען באַפרייען, כּל־זמן די וועלט וועט זיין וועלט.

און זלמן עסט טאַקי נישט. פאַר אים איז גענוג אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל צוקער פאַר אַ טאָג. טרינקט ער אויס אַ גלאָז טיי, זעצט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקל און קוקט ווי פאַרגליווערט מיט זיין ווייבערשן פנים אין שטוב אַריין, איינהערנדיק זיך ערגעץ אין זיך, דאָרט וואו עס טאַנצן די זוניקע מעשה׳לעך און פליען־אום ווי גאָלדענע פונקען איינע איבער די אַנדערע.

אויב זלמן איז אויפגעלייגט און דערציילט נישט קיין מעשה׳לע, שפילט ער אויף אַ קעמל. ער שפילט מאַרשן, מיליטערישע מאַרשן, האַרטע, לאַנגע און שווערע, וואָס פאַסן זיך גאָר נישט צו די חנ׳עוודיקע שמייכלענדיקע מעשה׳לעך. זיין שפילן דערמאָנט ווירקלעך אָן די קלאַנגען פון אַ מיליטערישן אָרקעסטער, אָבער דאָך איז עפעס לעכערלעך, וואָס אַן אַלטער ייִד בלאָזט מיט די באַקן און האַלט ביי די ליפן אַ קעמל מיט אַ שטיקל דין פאַפיר. משה׳לע לאָזט דעמאָלט אַראָפּ די אויגן און שעמט זיך אים צו קוקן אין פנים אַריין.

— פּאַרשטייסטו נישט, וואָס אַ מאַרש איז... — זאָגט דער אַלטער צום יינגל, זעענדיק ווי דעם יינגל נעמט נישט זיין שפּילן.

— וואָס איז אַ מאַרש? — פרעגט משה׳לע.

— אַ מאַרש? — זאָגט זלמן און קוקט אים אָן אַ לאַנגע צייט אָן ווערטער, — אַ מאַרש איז גבורה... דו פאַרשטייסט?

צייטנווייז איז זלמנ׳ען שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס איז אַ מאַרש גבורה. נאָר אַז מען בעט אים, ער זאָל פאַרטייטשן, וויל ער שוין גאָרנישט ענטפערן.

— דו ביזט אַ נאַר, פאַרשטייסטו? — און ער שטעלט־אָן די שטאַרע אויגן אויפ׳ן מיטן שטוב מיט אַ מינע פון אַ בלינדן.

ער האָט ליב צו קאָקעטירן מיט זיין קורצזיכטיקייט, און אויפ׳ן זייגער, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, קוקט ער דורך אַ רערל, וואָס ער מאַכט מיט דער האַנט, און זאָגט שטענדיק אַ פאַר־קערטע שעה.

— שוין גאָר בלינד... שוין גאָר בלינד... — קלאָגט ער זיך פאַר משה׳לעס מאַמען מיט הנאה און גאווה, — איך זע שוין גאָר־נישט... ווייסט, פּאַיע, ווען איך וואָלט געהאַט געזונטע אויגן, וואָלט איך נאָך געגאַנגען קיין קיעוו...

אין קיעוו האָט זלמן אַמאָל געאַרבעט סטאָלעריי. סטאָלעריי איז אייגנטלעך זיין פאַך, אָבער ער אַרבעט קיינמאָל נישט. אין קיעוו האָט ער עפּעס יאָ אַ לענגערע צייט געאַרבעט און נישט שלעכט געלעבט. ערינערונגען פון קיעוו האָט ער אַסך, אָבער אַז ער דערציילט זיי אַמאָל, קומען זיי אויס ווי מעשה׳לעך און נישט ווי לעבן. זיין קאָפּ איז שוין, וואַרשיינלעך, אַזוי געבויט געוואָרן, אַז אַלץ איז דאָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעשה׳לעך, אפילו זיין אייגן לעבן אויך. אין יענער צייט, דערציילט זלמן, האָט ער איינמאָל געגעכטיקט אַ גאַנצן חודש צייט אין אַ געדיכטן וואַלד, ווייט פון קיעוו, אויפ׳ן שפּיץ פון אַ הויכן בוים, און איבער זיין קאָפּ האָט אַלע נאַכט זיך אומגעדרייט אַ סאָווע. און אין אַ צווייטן פאַל האָט ער איינמאָל אַ כאַפּ געטאָן אַ ריזיקן קאַצאַפּ, וואָס האָט אים דערעסן, און אים שיר דערשטיקט. ביים קאַצאַפּ זענען

אַרויסגעשפּאַרט געוואָרן די אויגן און די צונג און ער האָט אויפֿ־געהערט צו אָטעמען, און דריי רובֿל האָט זלמן שטילערהייט באַ־צאָלט אַ פֿעלדשער, וואָס האָט אים אָפּגעראַטעוועט מיט הייסע אַרבעס.

אויף משה׳לען האָבן דידאָזיקע מעשׂיות געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, ווי אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו דעמדאָזיקן ייִד. נאָכדעם פֿלעגט אים שווידערן פֿון זיי און דער צעשפּילטער דמיון פֿלעגט אים נעמען מאָלן די שרעקלעכסטע סצענעס און בילדער, פֿאַרוועבט מיט זלמנ׳ס געשטאַלט.

פֿון זלמנ׳ס סטאָלערײַ פֿלעגט משה׳לע געניסן פּורים אַ גראַ־גער און די מאַמע אַ וואַלגערהאָלץ. משה׳לעס טאַטע פֿלעגט נאָר פֿאַרבײַגייענדיק, פֿון דער זײַט, אַ קוק טאָן אויף זיי און פֿלעגט שטענדיק זאָגן איינס־און־דאָסזעלבע:

— דאָס האָט געמאַכט אַ פּאַרטאַטש.

צו אַכט יאָר האָט שוין משה׳לע אומבאַוואוסטזיניק גע־שפּירט, אַז דער ענין פֿון שלאָגן המנ׳ען איז עפּעס נישט קיין אָנגענעמער. שלאָגן קאָן מען בלויז אַ לעבעדיקן און דאָס נישט אַלע יאָר, נאָר איין מאָל. ווי אַזוי־זשע אָבער שלאָגט מען אַ טויטן, אַ געהאַנגענעם, און נאָך אַלע יאָר דערצו?

און אויף זײַן אייגענער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿלעגט ער שטילערהייט אַרײַנוואַרפֿן דעם גראַגער אין אויוון אַרײַן און זיך בעת מעשׂה קוויקן מיט׳ן פֿייער, וואָס פֿלעגט לאַנגזאַם אַרומלעקן דאָס האַרטע אָלכע־האָלץ.

פֿון אַלע דערוואַקסענע מענטשן אין שטוב איז זלמן דער איינציקער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט משה׳לען, וואָס גייט מיט אים שפּאַצירן און דערציילט אים מעשׂה׳לעך. אין אַ געוויסן זין איז ער זײַן מדריך, זײַן דערציער, אָבער עס קאָן זײַן, אַז דער ייִד מיט׳ן ווײַבערשן פּנים האָט אים עטוואָס קאַליע געמאַכט, וואָרום ער האָט אין אים פֿאַרשטאַרקט די אָנגעבוירענע נייגונג צו חלומות, צו מעשׂה׳לעך, צו איינזאַמע מחשבֿות און האָט געמאַכט אַ מחיצה צווישן אים און דער לעבעדיקער וועלט. ער האָט אים איינגעגעבן דעם פֿײַנליכן געדאַנק, אַז אויף מענטשן איז נישטאָ וואָס צו קוקן, אַז רעדן און עסן זענען איבעריקע זאַכן, און אַז אַ מענטש דאַרף

לעבן נאָר מיט זיך אַליין, איינזאַם, באַזונדער, אָפגעטיילט און אָפגעשיידט פון אַלץ און אַלעמען. ער האָט אים צו־פרי באַקאַנט געמאַכט מיט׳ן רייץ פון דמיון, וואָס באַדאַרף זיין אַ לייכט און מחייה׳דיג שיפעלע אויף די קאַלטע גראָע וואַסערן פון לעבן; און דעריבער, אַז משה׳לע פלעגט טיילמאָל נישט קאָנען איינשלאָפן ביינאַכט און פלעגט קוקן מיט אָפענע אויגן אין דער דושנער פינסטערניש אַריין, פלעגט אים עפעס צוטרעטן צום האַלדז און אים פלעגט זיך וועלן וויינען. אים פלעגט זיך וועלן וויינען דערויף, וואָס עס איז דאָ אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישן לעבן און חלום, צווישן מענטשן און מעשה׳לעך: אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דמיון, איז ליכטיג און שיין, און אַלץ, וואָס מען קאָן זען מיט די אויגן, איז מיאוס און שלעכט. און דעמאָלט פלעגט ער שטומערהייט בעטן גאָט, ער זאָל אים אָן ווייטאָק צונעמען צום ווייסן זיידן אברהם אבינו און צו דער וואַרעמער האַרציקער מוטער רחל — די סאַמע ליבסטע געשטאַלטן פון זיין הערצל — אויף יענער וועלט, אויפ׳ן הימל, וואו עס איז דאָ אַ גן־עדן מיט די שענסטע ביימער און די שענסטע זינג־פייגל און עס ווערט דאָרט געלעבט לויט׳ן דמיון. דאָרט איז דאָ בלויז דמיון, דאָס הייסט ליכט און שטראַלן, געזאַנג און שמחה, און אַלץ איז פאַרגאָסן מיט גאָטס שמייכל. קיין ערד איז דאָרט נישטאָ, און אָט די בקשה צו גאָט איז געווען איינער פון זיינע גרעסטע סודות, וואָס ער האָט אפילו שיינדעלען קיינמאָל נישט דערציילט, ווארום ער האָט דאָך געפילט, אַז אַ מענטש באַדאַרף בעסער וועלן לעבן, איידער שטאַרבן.

דער אַלטער האָט דעם יינגל געגעבן דעם שליסל צום דמיון — צו יענעם גאָלדענעם פאַלאַץ, וואָס באָדט זיך אין אַ ים פון ליכט און פאַרבן, און דאָס יינגל איז פאַרבליבן דער טרייעסטער דינער פון דעמדאָזיקן פאַלאַץ. אָבער די ליבע פונ׳ם יינגל צום אַלטן איז געשטיגן פון שעה צו שעה און ער האָט שוין געקאָנט יעדע קלענסטע באַוועגונג זיינע, יעדע קלענסטע תנועה און יעדן פאַרבאָרגנסטן פאַרלאַנג, ווי דאָס קאָן נאָר אַ מענטש אָדער אין גרויס ליבע אָדער אין פיינטשאַפט.

דאָס יינגל דערקאָנט שוין אָן זלמנ׳ען, ווען ער איז נוטה

צו דערציילן אַ מעשה׳לע. די סימנים זענען, איבעריקנס, גאַנץ איינפאַכע: זלמן, דער רוהיקער פאַרגליווערטער זלמן, הייבט זיך אָן שטאַרק באַוועגן און די שטאַרע קורצזיכטיקע אויגן זוכן עפעס אַרום זיך. אַפנים, אַז דאָס מעשה׳לע אַליין בעט זיך, וויל אַרויס־לויפן פון תפיסה און געניסן אַביסל פרייע לופט, און זלמן קאָן עס שוין מער נישט איינהאַלטן. ער מוז עפענען די טירלעך פון קאָפּ און אַרויסלאָזן עס, ווי מען לאָזט־אַרויס אַ טויב. על־פי־רוב געשעט עס פאַרנאַכט, בשעת קיינער איז נישטאָ אין שטוב און די רויטע הימלען גליען ווי מידע פייערן איבער די ווייטע הויכע דעכער פון שטאָט. דעמאָלט לויפט משה׳לע נאָך שיינדעלען, פירט זי אייליק אַריין אין שטוב און רוימט איר איין אויפ׳ן אויער.

— זלמן האָט עפעס... ער וועט באַלד דערציילן...

אין שיינדעלעס גראָע אייגעלעך פאַלן־אַריין אַסך גלאַנציקע שפיזעלעך, אַ קינדיש־ווייכער שמייכל צוקט איר די ראָזע אויסגע־שוירענע ליפּלעך אויף די יונגע ווייסע ציינדלעך און זי פרעגט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם:

— משה׳לע, ער וועט דערציילן מיט פערל און בריליאַנטן, צי מיט אַ שפּאַרבער אַ פאַרדאַרבער?...

— שווייג... — רירט זי משה׳לע אָן ביי דער האַנט. — ער וועט שוין אַלץ דערציילן...

און דער אַלטער זלמן פאַרשטייט שוין די קינדער. דאָס איז אַ שטומער אָפּמאַך: זיי וועלן הערן און ער באַדאַרף דערציילן. און אָט זיצט שוין אַ גרופּע: זלמן ביים עק טיש מיט אַ טיפן קורצזיכטיקן בליק, וואָס גייט צוריק אין אויג און קוקט אַריין אין זיך, און די צוויי קינדער אַנטקעגן, מיט אַראָפּגעהאַנגענע דינע פיסלעך, מיט אויפגעהויבענע אָנגעשטרענגטע פנים׳לעך, בלאַס פון נייגעריקייט און אויפרעגונג. פונקט אַנטקעגן, אויף דער וואנט, זיצן דריי שאָטנס, וואָס זענען ענלעך צו בערן — איין בער אַן אַלטער און זייער אַ האָריקער און צוויי קליינינקע.

נאָר זלמן שווייגט פריער אַ לאַנגע צייט מיט יענעם מין שווייגן פון אַ מענטש, וואָס זעט גאָרנישט אַרום זיך. אַפנים, אַז

דאָס מעשה׳לע שפּאַרט זיך און פאַרשאפּט אים אינערליכע אַנגסטן. דערנאָך אָבער דערציילט ער זייער שטיל און געצויגן, פּונקט ווי ער וואָלט רעדן צו זיך אַליין:

— אויפ׳ן גרויסן ים אַן אָקרענט, און דער אָקרענט טרינקט זיך...

און ווידער שווייגט ער אַ ווײַלע, פּונקט ווי דאָס לעצטע טירעלע אין קאָפּ וואָלט נאָך אויפגעהאַלטן אויף אַ רגע דאָס מעשה׳לע. נאָר אָט פליט עס שוין אַרויס לייכט און פריי אָן אַן אָפּשטעל:

— ...יאָ, אויפ׳ן גרויסן ים אַן אָקרענט און דער אָקרענט טרינקט זיך...

און מיט בלאָע אויגן און מיט גאָלדענע האָר זיצט אַ בת־מלכה אין אָקרענט.

און בלאַס איז זי און קינדיש איז זי און אין אירע בלאָע אויגן, ווי בלאָע קאָרנבלימלעך אָדער ווי הימל, שווימט־אום אַ קליין וואָלקנדל שרעק...

און פון אַלע זייטן—ים און געוויטער, און אינדן שפּרינגען איבער אינדן, ווי ווייסע ווילדע פערד מיט צעלאָזטע גריוועס, און תהומות פלעכטן זיך מיט תהומות, ווי די ערד וואָלט אויפגעעפנט טויזנטער דורשטיקע מײַלער.

און סאַמע ביז׳ן טונקעלן הימל דערגרייכט דאָס וואַסער־פאַטשעריי, דאָס וואַסער־געלעכטער, דער ווילדער וואַלען־טאַנץ, און עס דאַכט זיך, אַז שדים, רוחות און נישט־גוטע פון אַלע וועלטן פראַוועו אַ חתונה...

אָבער דאָס איז געווען די לעצטע מינוט פון הימל, ערד און לעבן.

וואָרום דער בורא־עולם האָט צוגענומען זיין קרוין, געהייסן פאַרפּאַקן זיין כסא־הכבוד און די אַלטע ערד מיט׳ן אַלטן לעבן האָט ער אָפּגעגעבן דעם רוח.

— נאַ, האַלט דיר דאָס, אויב דו ווילסט.

און דערנאָך האָט ער צונויפגערופן זיינע ליבסטע מלאכים און האָט זיך איבערגעצויגן אויף אַ נייעם הימל איבער אַ נייער

ערד, נעענטער צו דער זון, און דאָ האָט זיך דער רוח ווילד צע־לאַכט דורך אַלע ימים.

און ער האָט געוואָרפן ימים אויף ימים, וואַסער־בערג אויף וואַסער־בערג, און ער האָט זיי צעוויגט און צעשאָקלט און צע־טרייסלט אין דער טונקעלער לופט, און צעשאָטן אויף מיליע־מי־ליאָנען טראָפּעלעך און בעת־מעשה ווילד און הילכיק אַריינגעלאַכט אין דער מורא׳דיקער וואַסער־פּאַטשעריי...

און אָט האָט זיך דער אָקרענט אַנידערגעלייגט אויף אַ זייט און דער שפּיץ האָט גענומען זינקען. נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע— און אַ וואַסער־מויל וועט אים איינשלינגען, ווי אַ שפּאַרבער אַ פייגעלע.

און די מענטשן אויפ׳ן אָקרענט זענען צוגעפאַלן מיט׳ן פּנים צום דעק. אַנדערע האָבן גענומען גיין מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און מאַנכע האָבן זיך געצאַפּלט אויפ׳ן רוקן, מיט אויפגעהויבענע הענט און פיס, פּונקט ווי איבערגעקערטע שרצים, און האָבן זיך נישט געקאָנט אויפשטעלן. אַלט און יונג, קליין און גרויס האָבן געיאָמערט און געשריען, און דידאָזיקע קולות האָבן, ווי קליינע נאָדעלעך, דורכגעשטאָכן דעם אימה׳דיקן וואַ־סער־גערויש.

נאָר אָט האָבן פּלוצלינג אַ פּאָך־געטאָן צוויי שניי־ווייסע פליגלען, און די בת־מלכה מיט די גאָלדענע האָר האָט דערזען אַ מלאך, וואָס איז געשטאַנען אַקוראַט איבער אירע אויגן, עטוואָס העכער פונ׳ם שיפדעק.

לויט זיין אָטעמען מיט די קליינע ראָזע נאָזלעכער און לויט די שפּיצן פון זיינע שניי־ווייסע פליגלען, איז געווען קענטיק, אַז ער האָט אַייליק דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און אַ שווערע נסיעה פון הימל אויף דער ערד.

„זעץ דיך אויף מיינע פליגלען, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל דיך מציל־זיין. איך וועל דיך אַוועקטראָגן אין אַ נייע וועלט מיט אַ ניי לעבן, און גאָט זיצט דאָרט אויף אַ נייעם הימל. דידאָ־זיקע וועלט איז נאָענט צו דער זון... צו פינף זונען... צו צען זו־בען... צו טויזנט זונען...

נאָר דער בת־מלכּה'ס קינדיש געזיכט איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ טרויער:

— פאַרוואָס נאָר מיך? — האָט זי שטיל געפרעגט: — און די אַלע זאָלן דערטרונקען ווערן?

און אירע אויגן, ווי צוויי קליינטשקע רעדעלעך הימל, זע־נען פאַרוואָלקנט געוואָרן.

— קלויב דיר אויס דעם בעסטן. מער ווי צוויי נעם איך נישט.

די בת־מלכּה האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— דעם ערגסטן.

דער מלאך האָט געשוויגן.

דער ערגסטער מענטש איז געווען אַ קליינטשקער און אַ שוואַרצער מיט שפּיציקע אויגן און האַרטע בייניקע הענט. דידאָ־זיקע הענט האָבן אַמאָל די אייגענע מוטער דער'הרג'עט.

ער האָט נישט געקאָנט רעדן — ער האָט נאָר געקאָנט לאַכן מיט אַ הייזעריק דראָבנע געלעכטער און בשעת־מעשה האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גזלן שניידט ערגעץ עמעצן דעם האַלדז...

און אָט האָבן זיך ביידע געזעצט ביים מלאך אויף די שניי־ווייסע פליגלען: איינער שוואַרץ, ווי דער אָפּגרונד אין ים, דער צווייטער קלאָר, ווי גאָטס שמייכל; איינער מיאוס, באַוואַקסן און שוואַרץ, ווי אַ פאַרלאָזטע חיה, דער צווייטער לייכט און לופטיק ווי אַ וואָלקנדל, ווי אַ שבועות־ווינטעלע, ווי אַ שוועלבעלע.

און דער מלאך האָט זיך אויפגעהויבן, און רעכטס און לינקס איז זיי דורכגעלאָפן אַ ווינט ביי די באַקן. זיי האָבן צוגעמאַכט די אויגן און זיך לייכט, אָן געררויש, געטראָגן צווישן נעפל און ערד, אָבער פון אונטן איז זיי נאָכגעלאָפן דאָס וואַסער־פּאַטשעריי, פונקט ווי אַ בייזע חיה, און דעם רוח'ס געלעכטער האָט געקלונגען אין די אויערן, ווי אַ ריזיקע גלאָק.

און זיי זענען לאַנג געפלויגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. אָבער דערנאָך, אַז זיי האָבן די אויגן געעפנט, האָבן זיי דערזען א נייע וועלט מיט נייע מענטשן און אַ הימל מיט נייע פאַרבן.

פון דעמדאָזיקן הימל האָבן אַרויסגעלויכטן בלאָע, רויטע און גרינע זונען...

אויף דער נייער ערד זענען געוואַקסן אומבאַקאַנטע הויכע צעצווייגטע ביימער, באַלאָדן מיט די שמעקעדיקסטע פּירות און אונטער זיי זענען געזעסן ראָז=הויטיקע מענטשן מיט ליכטיקע אויגן און געלאַכט מיט אַ זילבערנעם געלעכטער.

ביי מאַנכע אויף די קעפּ איז געשטאַנען אַ ווייס פייגעלע מיט צוגעמאַכטע אויגן, און פון זיין שנאָבעלע האָט אַזוי ווי גע=קאַפּעט מיט ליכטיקע טראָפּנדלעך אַ ווייך, האַרציק זמר'ל...

אויף דער ערד זענען געלעגן רויטע, גרינע, בלאָע שטראַלן, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן אין איינגאַנדער, און זי, די ערד, האָט אויסגעזען ווי פאַרביק גלאָז קעגן אַ פייער.

אָבער אויף דערדאָזיקער נייער ערד איז אפילו די לופט געווען אַ נייע: זי האָט געזעטיקט, ווי גוטע שפּייז, און פאַר=שיכור'ט, ווי טייערער וויין.

און אפילו שטיינער האָבן אויסגעזען גליקלעך. אויף אַלץ איז געלעגן אַ שטראַל פון גליק: פון אַ מענטש ביז אַ בוים, פון אַ פויגל ביז אַ גראָז, פון אַ קינד ביז אַ שטיין.

און די שטראַלן פון גליק האָבן זיך געהאַלטן אויף דער ערד אַזוי זיכער און פעסט, ווי דאָס ליכט פון טאָג, ווי דער בוי פון די הימלען.

און צאַרטע שטילע קלאַנגען זענען געפאַלן אויף דער ערד, ווי אַ זון=רעגנדל, און מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט וויסן, פון וואַנען זיי גייען און וואו איז זייער קוואַל.

זלמן האָט נאָר אויף איין רגע אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אַ פינטל געטאָן מיט די אין זיך פאַרקוקטע אויגן און ווייטער דערציילט:

דער מלאך איז אַרויפגעפלויגן אויף די פאַרביקע הימלען — אָפּגעבן גאָט אַ ראַפּאָרט פון זיין שליחות, און די בת=מלכה מיט'ן גזלן האָבן זיך אַנידערגעזעצט אונטער אַ בוים מיט גאָלדענע פירות.

און די בת־מלכה האָט זיך פאַרקוקט אויף די נייע זונען, וואָס האָבן געשאָסן פון הימל מיט פייערדיקע פאַרבן, און דער גזלן איז לאַנגזאַם איינגעשלאָפן.

און לאַנג האָט די בת־מלכה געקוקט אָן אומעטיקע צו די זונען און לאַנג איז דער גזלן געשלאָפן. און דערנאָך, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געהאַט אַ בלאַס איידל געזיכט.

— קינד, האָט ער פלוצלינג געזאָגט צו דער בת־מלכה — איך האָב אַמאָל מיין אייגענע מוטער דער׳הרג׳עט און אַ קינד פאַרברענט... אָבער יענער, וואָס האָט עס געטאָן, איז געווען אַן אַנדערער, נישט איך. איך בין איצט אַרויס פון יענעם, ווי אַ שטראַל פון אַ וואָלקן. און מיר איז גוט. דיר איז אויך אַזוי גוט?

די בת־מלכה האָט אים נישט געענטפערט. אָן ווערטער האָט זי אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל, און געווען איז זי נאָך בלאַסער ווי אויפ׳ן אָקרענט. און די בלאָע אויגן האָבן זיך איר געשאָטנט פון אומעטיקע מחשבות און אויף די ליפּלעך האָט זיך איר געלייגט אַ ר׳חמנות׳דיק וויין־קנייטשעלע.

און שפּעטער, אַז אויפ׳ן נייעם הימל האָט זיך באַוויזן דער ערשטער גאָלדענער שטערן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע קרוין אויף אַ ריזיק־גרויסן טיש פון בלאָ גלאָז, איז ווידער געקומען דער מלאך. די בת־מלכה האָט פון דאָסניי דערשפּירט דעם קילן פאָך פון די צוויי שניי־ווייסע פליגלען.

ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן זיי, עטוואָס העכער פון דער ערד.

— גאָט האָט מיך געשיקט פרעגן, וואָס פעלט אייך. פון יענער פארשאָלטענער ערד זענען געקומען צוויי: דער בעסטער און דער ערגסטער. אָבער דער ערגסטער איז שוין איצט אויך דער בעסטער, ער איז אַזוי ווייט פון שלעכטס און זינד, ווי די נייע ערד פון דער אַלטער. נו, וואָס פעלט אייך?

דער געוועזענער גזלן האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפ׳ן האַרצן, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אַרויסגעזאָגט שטיל ווי אַ תפילה:

— מיר פעלט גאָרנישט. איך בין גליקלעך.

אָבער דער בת־מלכּה זענען די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן פלוצלינג מיט קינדערשע טרערן, זי האָט זיך אויפגעהויבן און צי־טעריק געזאָגט:

— פיר מיך צוריק צו דער פאַרשאָלטענער ערד... מלאך ליבער, מלאך קרוין, איך וויל אויף דער ערד...

— צו וואָס? — האָט איר דער מלאך אָפּגעווישט מיט אַ שניי־ווייסן פעדער די טרערן. — דאָרט געוועלטיקט איצט דער רוח. ער האָט שוין די ערד אויף שטיקלעך צעבראָכן. שוין אוודאי קיין זכר נישטאָ פון דער ערד. פאַרוואָס ווילסטו צוריק אַהין אין טויט און וויסטעניש און רוח־געלעכטער? הייב אויף די אויגן, און זאָלן זיי דיר ליכטיקער ווערן, און באַדאַנק גאָט דערפאַר, וואָס דו ביזט אויסגעלייזט געוואָרן פון דער פאַרשאָלטענער זינדיקער ערד.

— אָבער איך וויל אויף דער ערד... נעם מיך צוריק אויף דער ערד, — האָט די בת־מלכּה געבעטן און נייע קינדערשע טרערן האָבן זיך איר געוויזן אויף די בלאָע פאַרשאָטנטע אויגן.

באַדאַכט זיך, — האָט דער מלאך געזאָגט.

— ניין, — האָט זי געמאַכט אַ פאָר טריט און האָט פונאַנ־דערגעשפרייט דעם מלאך די פליגלען אויפ׳ן רוקן.

אָבער ער האָט זיך איר לייכט אַרויסגעגליטשט פון די הענט, ווי אַ ווינטעלע, און איז אַוועקגעפלויגן אויפ׳ן הימל.

און די מענטשן, וואָס זענען דערביי געזעסן אונטער די ביימער, האָבן איינאַנדער געפרעגט:

— וואָס האָט דאָ געטאָן דער מלאך, וואָס פאַר אַ שליחות האָט ער געהאַט?

און מאַנכע האָבן געענטפערט:

— ווייניק מלאכים זעען מיר אַ טאָג? וואָס חידוש׳ט איך דער איינער?

דער מלאך איז באַלד צוריקגעקומען, און נאָך איידער ער האָט זיך צוגעשטעלט, האָט ער שוין געהאַט אויסגעשפרייטע פליגלען.

— זען דיך, — האָט ער געזאָגט.

און אָט איז די בת־מלכּה געפלויגן צוריק פון דער שיינער נייער וועלט צו דער זינדיקער שוואַרצער ערד.

און ווידער האָט זיך געטראָגן אַ ווינט רעכטס און לינקס ביי די באַקן און ווידער האָט זי געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן. נאָר איצט האָט זי נישט דערקענט די ערד: נישט געווען קיין וועלדער, נישט קיין טייכן, נישט קיין בערג און נישט קיין שטעט. אַלץ איז געווען צונויפגעוואָרפן אינאיינעם, ווי אַ גרויסע בעל־הבית׳ישקייט נאָך אַ שׂרפה. און אויבן איז קיין הימל נישט געווען.

ערגעץ אין אַ ווינקל האָבן זיך געטוליעט די לעצטע צען מענטשן מיט אַרויסגעשפּאַרטע אויגן פון שרעק. אַרום און אַרום האָט געפּלאַצט און געקנאַקט די ערד און אין די אויערן האָט געקלונגען ווי א ריזיקע גלאָק דעם טייוולס ווילד געלעכטער.

און דערדאָזיקער געלעכטער איז געווען דער טויט, דער פיינלעכסטער סוף פון אַלץ און אַלעם.

די בת־מלכּה האָט געציטערט פון קעלט און שרעק, אָבער זי האָט זיך צוגערוקט צום הייפעלע מענטשן, צוזאַמענגעדריקט ווי שאָף אין אַ ווינקל. זי האָט אַריינגעשטעלט איהר שמאָל אַקסעלע צווישן זיי און דעמאָלט האָבן זיי זיך היימלעכער באַוועגט, און איינער האָט געזאָגט:

— שטיי מיט אונדז, אונדז איז וואַרעמער געוואָרן, אַ לייכטערן טויט וועלן מיר כאָטש האָבן.

אונטער די פיס האָט זיך געבראָכן דאָס לעצטע שטיקל ערד און עס האָט זיך געהערט, ווי איין ים פאַרטרינקט דעם צווייטן.

ימים מיט ימים ראַנגלען זיך, דער רוח האָט אַריינגעלייגט אין זיי זיין בייזע גאַל, און אָט האָבן די ימים געעפנט די מיילער און ווילן איינשלינגען איינאַנדער.

און פון דער ערד האָט זיך אָפּגעטראָגן דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט פון גאָט, פון די הימלען, פון דער פאַרלאָשענער זון...

נאָר אין דער אייגענער רגע, בשעת דער פּאַטשעריי פון די וואַסערן און דער ווילדער געלעכטער פון רוח האָבן דערגרייכט די העכסטע מדרגה, האָט זיך דערטראָגן אַ ווייטער בת־

קול, וואָס האָט ווי אַ וואַרעמער גאָלדענער פּאַס דורכגעשניטן דעם שוואַרצן געמויש פון דער אַיינגעפאַלענער ערד:

— רוח דו רוח, זאָל אויפהערן דיין געלעכטער און ווער אַנטרונען פון דער צעריסענער אויסגעמאַטערטער ערד!... גאָט קומט צוריק אויפ'ן אַלטן הימל און זאָל פון דאָסניי אויפבליען די ערד, וואָרום דאָס שענסטע, וואָס גאָט האָט אין זיין אייביקייט באַשאַפן — די בת־מלכה, טאָר נישט אומקומען מיט די לעצטע מענטשן... רוח דו רוח, שטעל־אָפּ דיין שוואַרצע אַרבייט...

און אָט איז פּלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן דעם רוח'ס געלעכטער, און אין דער ליכטיקער איינגעשטילטער לופט האָבן זיך באַוויזן מלאכים מיט לאַנגע טרומייטן אין די ראָזע מיילעכלעך: זיי האָבן געשפּילט גאָטס קומען צוריק אויף דעם אַלטן הימל.

און דער אַלטער הימל האָט זיך פון דאָסניי אויפגעהויבן, ווי אַ בלאָער פּרוכת איבער דער ערד, און אויף דער ערד האָבן זיך באַוויזן בערג און טאָלן און טייכן און ימים און וועלדער, נאָך שענער ווי פריער.

און גאָטס וואַרעמקייט האָט זיך פון דאָסניי דערשפּירט אויף דער אויסגעמאַטערטער ערד...

זלמן ווערט מיט אַמאָל אַנטשוויגן, פּונקט ווי דאָס טירעלע אין קאָפּ, וואו עס וואוינען זיינע מעשה'לעך, וואָלט זיך פּלוצלינג צוגעמאַכט. אין שטוב איז שוין פינסטער, און אין דערדאָזיקער פינסטערניש איז איינגעפאַסט זיין בלייך ווייבעריש פּנים, ווי אַ קאָפּ אָן אַ גוף. און דאָס פּנים קוקט מיט שוואַרצע אויגנלעכער, אָנשטאָט אויגן. אין שטוב דערהערן זיך טריט פון געקומענע מענטשן. עס הערן זיך דעם טאַטנס בייזע ברייטע טריט און דער מאַמעס פאַר'דאגה'ט טופּען ערגעץ אין אַ ווינקל. אָבער די דריי זיצן אומבאַוועגט: אַן אַלטער און צוויי יונגע. ביי די קינדער ליגן די הענטלעך איבערגעוואָרפן אויף די אַקסעלעך, די הייסע בעקלעך צונויפגערוקט, די מיילעכלעך אָפן און די מחשבות טראָגן זיי האַסטיק און שנעל אויף יענער נייער שיינער וועלט, וואו מענטשן זיצן אונטער הויכעביימער און עסן גאָלדענע פּירות.ביידע קינדער פאַרשטייען נישט דעם זין פונ'ם מעשה'לע, אָבער

דאָך פילן זיי, אַז די בת־מלכּה האָט גוט געטאָן, כאָטש ביידע האָבן צער דערפון, וואָס זי האָט אַזוי געטאָן...

משה׳לע האָט טויזנטער קשיות צו שטעלן זלמנ׳ען, אָבער זלמן זיצט ווי אַ גרויסע קאַלטע אויסגעלאָשענע קויל. עס דאַכט זיך, אַז ער איז אַ טויטער, און אז ווען מען זאָל אים אַ שטויס טאָן, וועט ער אומפאַלן, ווי אַ זאַק, אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס צינדט מען נישט אָן קיין פייער און וואָס מאַכט ער דאָרט משוגע די קינדער מיט זיינע מעשיות... זאָגט משה׳לעס טאַטע און זיינע טריט דערנענטערן זיך צום טיש.

אין זיינע הענט דערהערט זיך אַ בייזער קריץ פון אַ זאַפּאַלקע איבער אַ קעסטעלע, און באַלד צעלויפן זיך, ווי גנבים, די שאָטנס פון די ווענט און עס ווערט אומהיימלעך ליכטיק אין שטוב.

די קינדער זענען אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט קאַלטער בייזער ווירקלעכקייט און אין שטוב האָט זיך דערשפּירט דער אָטעם פון דער זינדיקער ערד אָן אַ גאָט.

זיבעטעס קאַפּיטל.

אַ ליבער, אַ זיסער, א מהייה'דיקער טאָג איז שבת! שבת רועט ערד און הימל, וואַלד און טייך, גראָז און בוים, מענטש און חיה און אפילו דער בורא-עולם רוט. שבת איז אַ לאַנגער און אַ גאָלדענער טאָג, פּונקט ווי גאָט וואָלט איינגעפּאַסט אין הימל אַ נייע זון, אַ שבת'דיקע זון מיט נייעם ליכט און וואָלט צוגעגעבן דעם טאָג נאָך שעה'ן. שבת קלינגט אַ זיסע שטילקייט פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, אַ שטילקייט וואָס מאַכט ווייך אויף דער נשמה און ציט-אַרויף אַ לייכט-פריינטלעכן שמייכל ביי אַלעמען אויף די פּנים'ער, אפילו ביי די גויים. שבת זעען-אויס די גויים ווי ייִדן, און אָרימעלייט ווי נגידים. שבת זענען נישטאָ קיין גנבים און קיין שלעכטע מענטשן, און אין אַ פרעמדער שטוב קאָן מען אַריין פּונקט ווי אין אַן אייגענער. שבת ווייזט-אויס די שטאָט ווי איין הויז מיט איין משפּחה, און די גאַס — ווי אַ לאַנג צימער אין דעמדאָזיקן הויז. שבת קאָן מען פילן דאָ, אויף דער וועלט, ווי עס איז געוואָרן ליידיק און קאַלט דער גיהנום אויף יענער וועלט, און אַז מען זאָל אויפהייבן די אויגן, קאָן מען זען,

ווי רשעים שפּאַצירן־אַרום מחנות'ווייז איבער די בלאָע וועגן פון הימל און ציען־אָפּ דעם אָטעם און רוען זיך אויס פון זייערע גיהנום־יסורים. שבת גלעט די זון די באַקן און זי באַהעפט זיך מיט דער נשמה. און עס ווילט זיך נישט שרייען, און עס ווילט זיך נישט בייזערן, און עס ווילט זיך נישט טראַכטן קיין האַרבע און שווערע מחשבות, ווי זונטאָג אָדער אַן אַנדער טאָג אינדער־וואָכן. רוהיק, מנוחה'דיק, האַרציק, שבת'דיק ווילט זיך זיין, ווי דער בוים, ווי דאָס גראָז אָדער ווי דאָס שבת־וועלכעלע אין טייך. אַלץ איז באַצויגן מיט א שבת־שמייכל און מיט שטילן שבת־ליכט. שבת, שבת, שבת — טריפט פון דיביימער און פון אַלע פיר עקן וועלט. שבת, שבת, שבת — גלעט די לופט, און די שטראַלן צע־לייגן זיך אין דער נשמה, ווי די העלסטע און די דינסטע מאַי־קלאַנגען.

אָבער אויף דעמדאָזיקן גאָלדענעם טאָג מוז מען וואַרטן גאַנצע זעקס טעג, און משה'לען פלאַצט טיילמאָל די געדולד. אין זיינע קינדערשע פּרעטענזיעס צו גאָט איז אפשר די סאַמע גרעסטע פּרעטענזיע די, — פאַרוואָס האָט גאָט באַשטימט בלויז איין טאָג שבת? וואָלט דען נישט גלייכער געווען, אַז שבת זאָלן זיין צוויי טעג אָדער דריי און אפשר די גאַנצע וואָך? וואָרום וואָס פאַר אַ רעה וואָלט גאָט געהאַט דערפון, ווען אַלע מענטשן זאָלן רוען און איבער דער וועלט זאָל זיין צעגאָסן איין שבת־לופט און איין שבת־שמייכל?

שווער צו פאַרשטיין גאָטס דרכים און מען מוז שווייגן, מסתּמא ווייס גאָט בעסער וואָס ער טוט. אָבער פאַרוואָס קאָן זיך נישט באַרוהיקן דאָס הערצל און פאַרוואָס בונטעוועט דאָס יונגע מוח'ל? זעקס שלעכטע טעג האָט גאָט געגעבן און בלויז איינעם אַ גוטן. פאַרוואָס? וואו איז דער ענטפער דערויף?

אויף דעדדאָזיקער פּרעטענזיע קריגט ער אָבער קיין ענטפער נישט, און ער מוז זיך באַנוגענען מיט דעם איינעם טאָג, ווי עס באַנוגענען זיך, נישט ווילנדיק, אַלע דערוואַקסענע. באַלד נאָך וואָרמעס שיטן זיך אַרויס פון די קליינע הייפלעך יידן, ווייבער און קינדער, און אַלע שפּאַצירן אויף די הילצערנע טראָטואַרן,

פאַרביי די הייפלעך, לאַנגזאַם און שטיל, אָן ווערטער, פאַרטראַכט מיט שטילע שבת-מחשבות; און עפּעס ענלעכעס איז פאַראַן צווישן זיי און די הייזלעך און די איינציקע ביימלעך, וואָס זעען זיך וואו-נישט-וואו: אַלץ איז צונויפגעגאָסן אין איין מנוחה. און לאַנגזאַם שיטן זיי זיך אָן אויפהער פון די הייפלעך אויף די שמאָלע טראָטואַרן און רוהיק פינטלען זיי אין דער לענג פון גאַס, אין דעם גאָלד פון טאָג.

און לאַנגזאַם שפּאַצירט אויך משה'לע מיט שיינדעלען. זיי גייען ווייטער און ווייטער מיט דער אייגענער טאָטערשער גאַס, וואָס ליגט הינטער די פרייע ברייטע פעלדער, ווי אַן אָרעמע קינד נעבן ליכטיקע גרויסע זאַלן. פון די זייטיקע פעלדער, אַרומגעצוימט מיט לאַנגע הילצערנע פּאַרקאַנעס, וועיעט אויף זיי דער קילער ריח פון ראָסאַדע און יונגע מערעלעך. הויך אונטער'ן הימעל דרייען זיך שוועלבעלעך, פייפן אַזוי ווי מיט מעטאַלישע פּייפעלעך און מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן נישט געפלויגן נאָר לייכט געשליידערט געוואָרן, ווי קיילעכלעך, פון אַ נישט-געזעענער האַנט. אויף זיי קוקנדיק, צעלאָזן זיך אויך די גראָע צעבלאָזענע ווערבייטשיקעס: זיי וואַרפן זיך אויך אין לופטן אַריין, ווי גוטע שווימער אין אַ טיף וואַסער, האַסטיק און פרייילעך, און שיקן פון וועג איינציקע ליכטיקע טרעלן.

ביים טייך בלייבט שטיין די טאָטערשע גאַס און גייט נישט ווייטער. ביי די גאָלדיק-זאַמדיקע ברעגעס ציט זיך דאָס וואַסער פון טייך ווי צוויי שנירעלעך, און אינמיטן גייען קליינע, זילבערנע וועלכעלעך, פונקט ווי געשליפענע, און שטויסן איינע די אַנדערע און שפּילען מיט פּאַסעקלעך זון, פונקט ווי זיי וואָלטן געשלונגען שטיקעלעך גאָלד.

דאָ, אַז מען גייט-אַריבער דעם טייך, הייבט זיך אָן דאָס שענסטע, וואָס משה'לע האָט ביז אַהער געזען אין זיין לעבן: עס הייבט זיך אָן לודאַמענט. דאָס איז אַ גרויסע לאָנקע, באַשאָטן מיט אַלערליי בלימעלעך, פונקט ווי אַן אויסגענייטע דעקע. איבער דער לאָנקע הענגט אַ גאָלדענער שבת און איבער'ן שבת — אַ בלאָער הימל מיט אַ זון אינמיטן. רעכטס שטייט דעם גלח'ס

גאָרטן מיט אַ לאַנגער שורה ליפּעס בײַם שוואַרצן פּאַרקאַן, און דידאָזיקע ליפּעס זענען אַזוי הויך, אַז זײ צעטײלן דעם הימל אויף צװײ העלפט. און דאָרט, װײַט, לינקס, פּונקט קעגנאיבער דעם גלח׳ס גאָרטן, ליגן באַגראָזטע ערד־הײזלעך, און אַ קלײנטשיק סאָלדאַטל, פּונקט װי אַ צאַצקע, אין אַ װײַס העמדל, שפּאַצירט־אַרום מיט אַ ביקס אויפ׳ן אַקסל. דער דערבײַאיקער טײַך גײט רואיק און שטרענג זײַן װעג מיט אַ קילן אָטעם און דער בלאָער הימל שװעבט־מיט מיט זײַנע קלאָרע װאַסערן. אויבן הימל, אין טײַך הימל, און בײדע קוקן זיך איבער װי אַ טאַטע מיט אַ זון: דער הימל—טאַטע, דאָס טײַכל—זון.

משה׳לע מיט שײנדעלען גײען װײַטער און װײַטער אין דער לאָנקע אַרײַן. פון יעדן בלימל שלאָגט אַ באַזונדער ריח און דאָס גראָז דערגרײכט ביז צו די קני. זײ זענען מיד פון זונליכט, פון בשמים־ריחות און פונ׳ם גרינעם גראָז־פאַרב. זעצן זײ זיך אַנידער און דערשפּירן אַ מחיה׳דיקע װאַרעמקײט, װאָס גײט פון דער ערד דורך די גראָזן און בלומען. און מיט יעדן טראָפּעלע בלוט פילן זײ, אומבאַװאוסטזיניק, אַזוי װי חיה׳לעך, אַז אויף דער װעלט איז גוט צו לעבן, אַז זײ זענען אַ טײל פון הימל, פון טײַך און פון די גראָזן און אַז זײ זענען אויך אַ טײל פון גאָט, װאָס האָט עס אַלץ באַשאַפן.

גוט איז צו זײַן אַ משה׳לע און אַ שײנדעלע אין אַזאַ שבת, אויף אַזאַ לאָנקע, נעבן אַ לאַנגן זילבערנעם טײַך, װאָס ציט זיך װי אַ לעבעדיקער, אַ שטיל־רעדנדיקער, מיט שטיקער הימל אויף זײַנע קלײנע שפּילנדיקע װעלעכלעך. דאָס קינדער־פּאָרל פינטלט ליכט און באַװעגלעך אין דעם גרויסן דרויסן גאָלד, און אין זײערע אײגעלעך שלאָגט זיך אָפּ די זו׳ן און די מנוחה פון שבת. גאָט אַלײן, װאָס רוט אַ גאַנצן שבת, קוקט־אַרויס פון זײערע אײגעלעך. בײדע ליגן זיך אינ׳ם שמעקעדיקן גראָז און קוקן, װי בינען לויפן מיט אַ באַסיקן ברומען פון אײן בײמעלע צו אַ צװײטס, װי מחנות פליגן שטיפן אין זון און ליכט, און װי הויך אונטער׳ן הימל דרײען זיך שװעלבעלעך, װי אין אַ טאַנץ, און פײַפן װי מיט מעטאַלישע פײַפעלעך. סאַמע איבער זײערע קעפּ שװימען־אַרום

קרעם-פּאַרביקע שמעטערלינגען, פונקט ווי געמאָלטע, און זייערע פליגעלעך זענען ענלעך צו אַ האַלדז-באַנד. פון ווייטן טרינקט זיך אינ׳ם גראָז און בלומען אַ קורצפּיסיקער הונט און זיינע צוויי שוואַרצע פּייכטע גליקלעכע אויגן, מיט וועלכע ער קוקט זיך אַרום, וואו אַ שפּרונג צו מאַכן, ברענען פון ווייטן ווי צוויי שוואַרצע פייערלעך. צו אַ קליין הילצערן בריקל,ביים טייך, איז צוגעבונדן אַ ווייס שיפעלע און לאַנגזאַם גליטשט עס זיך אַוועק פון ברעג און קומט צוריק, גליטשט זיך אַוועק און קומט צוריק, פונקט ווי אין אַ שפּיל, און נישט ווייט שטייט אַ יונג גימנאַזיסטל, אָן אַ היטל, אין אַ ווייס העמדל, און האַלט אומבאַוועגט אַ לאַנגע יוענדקע אין דער האַנט. פון צייט-צו-צייט ציט ער אַרויס אויף זיין דינעם פאָדעם אַ צאַפּלדיק פאַסעקל זילבער און באַלד נאָכ־דעם טוט אַ פּייף דער פאָדעם אין לופטן און פאַלט צוריק אין וואַסער אַריין. טריט-ביי-טריט, פונקט ווי איבער אַ גלאַט שמאָל ברעטל, גייט פון בערגל, נעבען גלח׳ס גאָרטן, אַ הויך בלאָנד קריסטלעך מיידל מיט אַ האַנטוך אויף די אַקסלען: אין לייכטע שוואַרצע שיכעלעך און שניי-ווייסע זאָקן גייט זי, מיט געמאָסטענע טריט, צו יענעם ווייסן הייזעלע, וואָס שטייט אויף שיטערע פּאַ־ליעס אין טייך. עטוואָס שפּעטער דערהערט זיך אַ לייכט וואַסער־געוויש, און אַז מען קוקט זיך צו אַהין, זעט מען ווייסן שוים און אַ ראָז שטיקעלע לייב...

— משה׳לע, — זאָגט שיינדעלע פּלוצלינג, — פאַרמאַך די אויגן, יועסטו זען גאָלדענע פייגעלעך...

און אַז משה׳לע ענטפערט נישט, רוקט זי צו איר בעקל צו זיינס און פרעגט:

— משה׳לע, מיר וועלן שטענדיק זיין אַזוי גוט?

— ווי?

— ווי איצט.

— מיינסט, ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער?

— ווי א שוועסטער מיט אַ ברודער.

— שטענדיק.

— און אַלעמאָל וועלן מיר זיין צוזאַמען?

— אַלעמאָל.

שיינדעלע מאַכט־צו די אייגעלעך און לייגט־אַוועק דאָס וואַרעמע בעקעלע אויף זיין האַלדז.

— און, משה׳לע,—פרעגט זי ווייטער מיט צוגעמאַכטע אויגן און אָטעמט אים אויפ׳ן האַלדז, — וואָס וועלן מיר טאָן, אַז מיר וועלן זיין גרויסע?

— מיר וועלן... מיר וועלן וואוינען אין אַ וואַלד.

— אַליין?

— אַליין...

— גאָר אַליין?

— אַליין. ניין, מיר וועלן מיטנעמען זלמנ׳ען...

— און די מאַמען...

— און די מאַמען.

— און דעם טאַטן...

— און אפילו חייקל׳ען... דעם משוגע׳נעם...

— און חייקל׳ען.

— אַלעמען?..

— ניין, מיר וועלן זיין אַליין...

— האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַז אַלעמען?

— ניין, אַליין...

— בלויז מיר ביידע?

— מיר ביידע... שיינדעלע, מיר ביידע...

שיינדעלע הייבט־אויף דעם קאָפּ אין פאַרטראַכט זיך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. דער גאַנצער הימל ווערט קליין, ווי אַ פינטעלע, און פאַרקלייבט זיך צו איר אין די אויגן אַריין.

— משה׳לע, — פרעגט זי, — איז נאָך לאַנג צו וואַרטן?

— ניין....

— וויפיל יאָר?

— וויפיל יאָר? — משה׳לע פאַרטראַכט זיך און קאָן בשום אופן נישט באַרעכענען. — אָבער דו ווייסט? — רוימט ער איר איין אויפ׳ן אויער, — מיר וועלן זלמנ׳ען פאָרט נעמען צו אונדז. ער וועט וואוינען מיט אונדז צוזאַמען און וועט אונדז דערציילן

מעשה׳לעך... ער האָט אַזויפיל מעשה׳לעך... זלמנ׳ען מוזן מיר נעמען.

— אָבער ווען וועט עס זיין ? — צוקן שיינדעלעך די ליפּלעך פון אומגעדולד.

דער גימנאַזיסט ציט אַרויס פון וואַסער אַ צאַפּלדיק פּאַסעקל זילבער; דאָס הויכע בלאָנדע מיידל גייט־צוריק פון באָדן זיך מיט׳ן האַנטוך אויפ׳ן אַקסל און מיט דיזעלבע געמאָסטענע טריט. דאָרט, ווייט, אַרום די באַגראָזטע ערד־הייזעלעך שפּאַצירט נאָך אַרום דאָס קליינינטשקע סאָלדאַטעלע, פּונקט ווי אַ צאַצקע, אין אַ ווייס העמדל מיט אַ ביקס; אונטער׳ן הייסן ליכטיקן הימל דרייען זיך שוועבעלעך, ווי אין אַ טאַנץ, און נאָנט צו דער ערד פלאַטערן אין לופטן קרעם־פאַרביקע שמעטערלינגען, מיט פליגעלעך, ענלעך צו האַלדז־בענדלעך. נאָר אַז מען מאַכט־צו די אויגן, זעט מען באמת גאָלדענע פייגעלעך, דערנאָך רויטע, בלאָע, גרינע און דערנאָך טויזנטער פייערלעך, וואָס צוקן און לעשן זיך און צינדן זיך אָן פון דאָסניי. און אויפ׳ן האַרץ איז לייכט, וואַרעם און ליכטיק, פּונקט ווי דאָרט וואָלט געזעסן אַ שטיק זון, אַ טייל פון דער זון, וואָס גליטשט זיך איבער דעם בלאָען שבת׳דיקן הימל.

אַז די קינדער הייבן זיך־אויף פון גראָז, רויטלט זיך שוין דער הימל, און די זון, ווי אַ גרויסער טעלער, אָנגעגאָסן מיט בלוט, נידערט פּאַמעלעך אַראָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַרונטערגליטשן אונטער דער ערד. און וואָס ווייטער זי נידערט, אַלץ רויטער ווערט דער הימל, וואָס זעט־אויס ווי רויט גלאָז, היניטער וועלכן עס פלאַקערט אַ העלעש פייער. אָבער אין דער פאַרטראַכטער לופט פאָכן שוין די טונקל־זיידענע פליגלען פון פאַרנאַכט.

די קינדער גייען־אַרויס פון דער לאָנקע, וואָס ענדיקט זיך מיט איין ברעג ביים סאַמע הימל, דאָרט וואו עס פאַרגייט די זון. דערדאָזיקער ברעג איז פאַרגאָסן מיט רויטן ליכט, ווי מיט רויטן ווייַן. איבער׳ן קאָפּ טראָגן זיך שוין די ערשטע פלעדערמייז מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי געוואָרפענע שטיינדלעך פון אַ שרעק־

לעכער הייך. אָבער אויך אַזוי שנעל באַוועגן זיך אונטער׳ן הימל די שוועלבעלעך, וואָס דערפייפן איצט זייער לוסטיק און פריילעך ליד. זיי פייפן און טאַנצן אין דערלופטן, ווי קליינע שוואַרצע מלאכים׳לעך אַנטקעגן דעם הייסן דורכזיכטיקן בלוט פון דער אונטערגייענדיקער זון.

שיינדעלע גייט משה׳לען ביי דער זייט, און אין אירע ברוינע שוואַרצאַפּלען ברענען צוויי רויטע פינטעלעך. רויטע שטראַלן פלאַטערן איר אויפ׳ן קליידל, אויף אַ באַק און אויף איין זייט העלדזל. משה׳לע קוקט די שווייגנדיק אָן. און בעת מעשה פילט ער, אז דאָס איז אַ שוועסטערל, אַ שוועסטערל נישט פון איין טאַטן און מאַמען, וואָס איז אָבער אומ־פאַרשטענדלעך ליבער פון אַ טאַטן און מאַמען און ליבער פון אַלץ אין דער וועלט. דאָס איז אַ שוועסטערל, וואָס איז אַ טייל פון אים. איר בלוט איז זיין בלוט, איר האַרץ איז זיין האַרץ, און ווען ער זאָל זי פאַרלירן, וואָלט ער אויך פאַרלוירן דאָס טאָג־ליכט פון די אויגן. ער וואָלט דעמאָלט בלינד געוואָרן אויף די אויגן און אויפ׳ן האַרץ.

— שיינדעלע... — זאָגט ער — אויב דו ווילסט, וועלן מיר מאָרגן אויך גיין אַהער.

— אָבער מאָרגן איז דאָך נישט שבת, — קוקט אים שיינ־דעלע טיף אין די אייגלעך אַריין, ווי אַ גרויסע.

— נו איז וואָס ? זונטיג טאָר מען דען נישט ? — נעמט ער זי אָן ביים הענטל.

— אָבער זונטיג זענען דאָך שלעכט די גויִים... — רוקט זי זיך נענטער צו אים.

משה׳לע ווייס נישט וואָס צו ענטפערן דערויף. אָבער באַלד שפּרינגט זי איבער גאָר אויף אַן אנדער ענין און גיט אַ פרעג מיט אַן אינערליכן שמייכל, ווי אַ מענטש וואָס וויל לאַכן פון גליק און האַלט זיך איין:

— משה׳לע, וואָס האָסטו ליבער פון אַלץ אין דער וועלט ? פאַרטראַכט ער זיך עטוואָס און ענטפערט שטיל:

— שוועלבעלעך...

— שוועלבעלעך, — חזר׳ט שיינדעלע איבער און זוכט זיי אויפ׳ן הימל מיט פאַרגלייסטע אייגלעך — שוועלבעלעך...

פאַרטראַכט און פאַמעלעך לעשט זיך דער שבת, ווי אַ גרויס הויך ליכט, וואָס דערברענט ביז׳ן סוף. די לעצטע פלאַם, דער לעצטער שיין ציטערט אין דער פאַרטראַכטער לופט. אין די ווינקעלעך הימל טוקט ער זיך בלאַס, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט דער ערד, פונקט ווי אַ בלאַס מיידעלע וואָלט זיך צעזעגנט מיט אַ הייסער און רוישיקער משפחה. נאָך אַ קוק, נאָך אַ קוק און—אַדיע אויף אַ גאַנצע וואָך. אַהין, וואו די זון איז אַוועק, גייט אויך אַוועק דער הייליקער שבת. אין גאַס שפּירן זיך שוין די האַרבע סימנים פון נישט-ניחא׳דיקן אינדערוואָכן. אַנדערש זעען־אויס די ייִדן און מיט בייזע בליקן קוקן די פענסטערלעך פון די הייזלעך, און אַז מען הייבט-אויף די אויגן זעט מען, ווי אויף די גראָע אומעטיקע וועגן פון די הימלען גייען-אום מחנות׳ווייז רשעים. זיי גייען, ווי אַרעסטאַנטן, אין גיהנום אַריין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פאַר׳משפּט׳ע, מיט פאַרדריקטע ליפּן, ווי מענטשן וואָס דאַרפן באַלד איבערלעבן די גרעסטע און שווערסטע יסורים, און אַז מען זאָל גוט אָנשטרענגען דאָס אויער, קאָן מען הערן ווי עס גריילצן שווער די גרויסע גיהנום-טירן. צי וועט אַמאָל משה׳לע אויך אַריין אין דידאָזיקע גרויסע גיהנום-טירן? עס באַפאַלט אים אַ שוידער איבער׳ן גאַנצן לייב.

גייענדיק לאַנגזאַם מיט שיינדעלען אַקסל צו אַקסל, מיט דער לאָנקע אין האַרצן און מיט דעם גאָלדענעם שבת-הימל אין דמיון, פאַרגעסט משה׳לע, אַז מען באַדאַרף דאַוונען מעריב, ווי ער פאַרגעסט אַז מען באַדאַרף עסן, און אָט זעט ער, ווי עס לויפן ייִדן פון מעריב — גראָע, שטומע, איילִיקע און וואָכעדיקע, און פאַרשווינדן אין די שמאָלע טונקעלע הויפן, ווי אין טיפע אָפענע מיילער. און באַלד לויפן זיי צוריק פון די הייפלעך, פונקט ווי אויסגעשפייטע, מיט קלינגענדיקע שליסלען אין די הענט, און איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס ווערן מיט אַמאָל געעפנט קליינטשקע קרעמעלעך, באַלויכטן מיט קליינע פאַררויכערטע

לעמפעלעך, און אין דעם מאָגערן שיין פון דידאָזיקע לעמפּלעך קוקען נעבעכדיק אַרויס שטיקלעך קעז, אַלטע בייגל, הערינג...

דאָס זענען די סאַמע שווערסטע און ביטערסטע מינוטן אין משה׳לעס יוגנט, מינוטן וואָס מאַכן אים וואונדן אין דער נשמה און זיין אומעטיקע מחשבה פרעגט מיט ווייי: צו־וואָס באַדאַרף מען אינגאַנצן דעם שבת, וויבאַלד אַז ער לאָזט זיך אויס אַזוי וואָכעדיק, גראָ און אומעטיק?

אין די קליינע הייזלעך פינטלען, ווי געלע פלעקן, די אָנגעצונדענע לאָמפּן; אויפ׳ן הימל רוקן זיך כמאַרעס, ווי שוואַרצע בערג, און אַ קאַלטער ווינט שניידט ראַפּטום דורך די לופט. פלוצלינג הייבט אָן פאַלן אַ רעגן, אָהן הכנות, אָהן זומערדיקע דונערן און בליצן, אַ דראָבנער הערבסט־רעגן מיט קאַלטע טראָפּנס, וואָס שיטן זיך פויל אויף דער ערד מיט איין קלאַנג — זיפּ־זיפּ־זיפּ... נאָכ׳ן הייסן גאָלדענעם שבת קומט עפּעס אויס משונה אָט דער קאַלטער ווינט מיט די שוואַרצע כמאַרעס אויפ׳ן הימל און מיט׳ן דראָבנעם איינטאָניקן הערבסט־רעגנדל, פונקט ווי זיי אַלע צוזאַמען וואָלטן זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן און געקומען אַהער אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַטור. צי האָט עמעץ אויפ׳ן הימל נישט קאַליע געמאַכט די מאַשין פון ווינט און רעגן, אויס פאַרדרוס וואָס דער ליבער שבת ענדיקט זיך? צי האָט עס נישט געטאָן אַמאָל אַ רשע, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ פאַרביטערט האַרץ אין גיהנום אַריין? אָדער אפשר איז דער בורא אַליין אומעטיק געוואָרן און האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די וואַרעמקייט מיט דער שיינער זומער־נאַכט און האָט אָנגעשיקט אויף דער וועלט קאַלטן ווינט און הערבסטרעגן?..

נאָר משה׳לע ראַטעוועט זיך פון די אָפענע קרעמלעך און פון בייזן אינדערוואָכן און פון הערבסטרעגנדל און פון דער אייגענער שווערער עבירה, וואָס ער האָט נישט געדאַוונט, — ביי פאַיען אין דער ליבער היימלעכער שטוב, וואו עס שמעקט שטענדיק מיט דעם וואַרעמען אָנגענעמען ריח פון פרישן ברויט.

— איז אַז איז... וואַקסט פלוצלינג אויס דער משוגע׳נער

ברודער מיט שיינדעלעס אויגן און שמייכלט ווי אַ מענטש אָן אַ גאַל.

און ביי פּאַיען איז, ווי אַלעמאָל, פאַרלאָפן דאָס קליינע פּנים׳ל מיט פריינטלעכע קנייטשעלעך. זי האָט נאָך נישט אויסגעטאָן דאָס שבת׳דיקע קליידל, און דאָס טיכל אויפ׳ן קאָפּ מיט די צוויי עקן און דער קנופּ אונטער דער גאָמבע מאַכן זי אומגעווײנלעך מוטערלעך און האַרציק.

— אַ, משה׳לע איז דאָ! — שרייט זי אויס און פאַרמערט נאָך בעת מעשה די אונציילִיקע פריינטלעכע קנייטשעלעך אויפ׳ן פּנים און דערנענטערט זיך צו אים מיט יונגע גראָע אויגן, ווי ביי שיינדעלען, און מיט אַ געדיכטן ריח פון וואַרעמען ברויט: — זייער גוט! זייער גוט! ווּעסט עפּעס לייענען און דערנאָך — רוימט זי אים איין אויפ׳ן אויער — וועלן מיר עסן גוטע זאַכן...

משה׳לע לויפט באַלד אַהיים, כאַפּט דאָרט עפּעס אַ ביכעלע, וואָס ער האָט נישט לאַנג געקויפט און לויפט צוריק צו פּאַיען. און אָט זיצט ער שוין פאַר׳ן לאַנגן טיש, באַדעקט מיט דעם ווייסן שבת׳דיקן סערוועט און איז זיך מכין צו לייענען. אין דרויסן פאַלט דאָס דראָבנע הערבסט-רעגנדל, וואָס ווערט פלוצלינג איבערגעריסן פון אַ שטאַרקן ווינט אַזוי, אַז מען הערט ווי אין קוימען בעמט קלאַפּן דאָס דעקל, אָבער אין שטוב איז ליכטיק און וואַרעם און היימלעך און עס שפּירט זיך שוין דער אָנהייב פון יענער געשפּאַנטער שטילקייט, וואָס קומט אַלעמאָל פאַר משה׳לעס לייענען.

אַכטעס קאַפּיטל.

פון מײנטוועגן זאָל ער פאָרן... — זאָגט דער טאַטע, שטײ־ענדיק בײם פענסטער און אַרײנקוקנדיק אין אַ נאָר־וואָס געקויפטע ביכעלע מיט ראָזע פאָדער־בלעטלעך.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, ווײס שוין משה׳לע זיכער, אַז ער פאָרט צו דער באָבען. דידאָזיקע באָבע, דעם טאַטנס מו־טער, איז אַן אומבאַקאַנטע; משה׳לע האָט זי קײנמאָל נישט געזען, און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן פאָרט ער צו איר. לויט משה׳לעס ידיעות איז זי אַלט דרײ־און־נײַנציק יאָר, מען רופט זי שרה און זי וואוינט בײ אַ פעטער אין׳ם שטעטעלע ראַקוווקע, פינף מײל פון משה׳לעס שטאָט.

נאָר משה׳לען ווילט זיך פאָרן נישט צוליב דער באָבען. די באָבע איז בלויז אַן אויסרייד. משה׳לע וויל פאָרן צוליב הימל און פעלד, צוליב זון און וואַלד, צוליב דערפעלעך און ווינטמילן, צו־ליב דעם בעל־עגלה און זײן פערד און צוליב די פינף מײל, וואָס האָבן אין זײן דמיון קײן סוף און קײן אויסלאָז נישט, אַזוי אַז אין דידאָזיקע פינף מײל מוזן אוודאי אַײנגעפאַסט זײן ערץ־

ישראל און מצרים און אַמעריקע. פאָרן גאַנצע פינף מייל אַליין, אַ פריי יינגעלע, אָן טאַטע און מאַמע, אָן שטרענגע השגחה־אויגן, בלויז אין רשות פון הימל און ערד — דאָס איז דער גרעס־טער תענוג, וואָס אַ מענטש קאָן זיך פאָרשטעלן.

פאַראַן אפילו איין ווי אין דעמדאָזיקן תענוג: ער וועט זיך באַדאַרפן שיידן מיט שיינדעלען. איז אָבער פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ שמחה, וואָס זאָל נישט האָבן אַ שטיקעלע צער אין זיך? פאָרן פאָרט ער אינגאַנצן אויף צוויי וואָכן, און אויב ביי דער באָבען וועט אים זיין פריילעך און היימלעך און ליב, וועט מסתמא די צייט זייער שנעל אַדורכלויפן, ווי ער ווייס עס פון זיין קינדערשער פּראַקטיק, און אָט וועט ער ווידער זען שיינדעלען.

דאָס זעגענען זיך, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זעגענען זיך, וואָס דאָס טוען אזוי אָפּט און מיט אַזאַ גאווה אַלע גרויסע, גייט-צו זייער געשווינט: פון טאַטן — אַ קאַלטע האַנט מיט אַ קורצן בליק, אָהן שהיות, אָבער ביי דער מאַמען צוקט די אוי־בערשטע ליפּ, ווי זי וואָלט זיך מכין־געווען צו וויינען. דער מאַ־מען איז שטענדיק שלעכט. זי האָט שטענדיק גרייט אַ שטומען קוואַל טרערן אין די אויגן און ביי דער קלענסטער געלעגנהייט פאַרנעפּעלט ער איר די טרויעריקע שוואַרצאַפּלען ווי דער אָטעם אַ שפּיגל...

— פאָר געזונט, מיין זון... — דערהערט ער הינטער זיך איר קול, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל וויי, פּונקט ווי משה'לע וואָלט געפאָרן קיין אַמעריקע.

מיט שיינדעלען איז דאָס זעגענען זיך אַן אמת'ע פאַרשלע־פּעניש. זי לאָזט אים נישט אָפּ און לויפט מיט אים צו די בעל־עגלה'ס. און דאָרט צעזעגנט ער זיך מיט איר ערשט דעמאָלט, ווען ער באַדאַרף שוין אַרויפשטעלן דעם פוס אויפ'ן אַקס, וואָס איז גראָב אָנגעשמירט מיט דזעגעכטס. פריער גיט איר משה'לע די האַנט, דערנאָך נעמט ער זי אַרום, לייגט־אַרויף זיינע ליפּן אויף אירע, מאַכט-צו די אויגן און דריקט זיך צו איר צו מיט אַ לאַנגן און הייסן קוש. אָבער אַז ער עפנט די אויגן, זעט ער, ווי

אַ גרויסער ווייסער הונט מיט שוואַרצע פלעקן, קוקט זיך=צו משונה
צו דערדאָזיקער סצענע, פונקט ווי ער וואָלט קאָמיש געשמייכלט.
אויפ׳ן הויף איז אַ טאַראַראַם און אַ מהומה, ערגעץ שרייען האַלבּ=
דערשטיקטע הינער, אין אַ צווייט אָרט פילדערן גענדז מיט
זייערע וואַסער=קולות; אין אַ דריט אָרט קנאַקן יונגען מיט די
בּעל-עגלה׳שע בּייטשן; די פערד קאָפּען מיט די פיס אין דער
ערד און שמייסן מיט די עקן אַרום די בּייכער; צעשויבּערטע
ווייבּער מיט בּלאָע ליפּן און מיט קוויטשיקע קולות רייסן איינע
פון די אַנדערע עפּעס אַ קויש; צוויי יידן מיט אָנגעבּויגטע קעפּ
ציילן איינאַנדער קופּערגעלט פון האַנט אין האַנט; אַ בּעל=עגלה
לויפט מיט אַן עמער וואַסער גלייך צו דער נאַרעשער מאָרדע פון
זיין פערד פונקט ווי אויף אַ שׂרפה; פון אַ דערבּייאיקן שפּייכלער
וואַרפט מען שווערע קאַסטנס אויף דער ערד, און יעדער קאַסטן
איז בּאַצייכנט מיט צוויי שוואַרצע פעטע אותיות: .G. H; דער
געפלעקטער הונט קריגט פלוצלינג מיט אַ שטעקן איבּער די פיס
און אַ קליין מאָגער הענדל כאַפּט זיך ראַפּטום אַרויף אויף אַ
פאַרקאַן, פאַטשט=אָן מיט די פליגלען און לאָזט=אַרויס אַ לאַנגן
קוקערעקו סאַמע בּיז דער לעצטער נאָטע. אין דער רעכטער
מהומה וואַקסט=אויס אַן אַלטער ייד מיט אַ קאָלטונעוואַטער בּאָרד,
וואָס עפנט אַ בּרייט מויל אָן ציין און צעגעגעצט זיך מיט פאַר=
מאַכטע אויגן און מיט אַ ציטערן איבּער׳ן גאַנצן לייבּ. קושע דער
בּעל-עגלה, מיט וועלכן משה׳לע בּאַדאַרף פאָרן, אַ געלער ייד מיט
אַ גרויסן רימענעם טייסטער אויפ׳ן בּויך, נעמט=אַראָפּ די טאָרבּע
האָבּער פון זיין פערדס אויערן און בּעת=מעשׂה רעדט ער צו די
בּעל=עגלה׳ס מיט אַן אָפּגעקערטן קאָפּ אַהינטער:

— נו, עולם, אין וועג אַריין. שוין שפּעט.

דער עולם רירט זיך אָבּער נישט פון אָרט, און עס דויערט
אַ שטיק צייט, בּיז עס נעמט אַ סוף צו זייערע בּעל=עגלה׳שע
שמועסן און קריגערייען, בּיז אַלע סחורות ווערן פאַרפּאַקט אין די
לאַנגע וועגנס, בּיז די פערד ווערן אַיינגעשפּאַנט און די פּאַסאַ=
זשירן זעצן זיך אַוועק. ערשט דעמאָלט קריכט קושע אַרויף אויפ׳ן
בּרעג וואָגן, גיט אַ דריי אין דער לופטן די בּייטש מיט אַזאַ גע=

שריי, אַז די לופט צעטרייסלט זיך ווי פון אַ דונער, און די רויטע שקאַפּע, וואָס איז געווייִנט צו שווערע משאות, בייגט־אַיין דעם קאָפּ, ציט אויס די הינטערשטע פיס, ווי צוויי קרומע שטע־קנס, און דער ערשטער הייזעריקער סקריפּ פון די רעדער זאָגט־אָן, אַז דער בעל־עגלה'שער קאַראַוואַן לאָזט זיך אין וועג אַריין.

משה'לע קערט־אָפּ דעם קאָפּ און וואַרפט אַ לעצטן בליק צו שיינדעלען. אויף אירע לאַנגע ברעמען ציטערן קלייניטשקע פּערל, און אַז דידאָזיקע פּערל פאַלן־אַראָפּ און עס קומען אַנדערע, גרעסערע, אויף זייער אָרט — פאַרדעקט זי מיט'ן הענטל דאָס פּנים, גיט זיך אַ דריי־אויס און פאַרלאָזט געשווינט דעם אכסניא־הויף.

משה'לע וואָלט אויך געוואָלט וויינען, אָבער אַז ער דער־זעט, ווי דער הימל, דער ברוק אין גאַס און די צוויי שורות היי־זער ביי די זייטן, נעמען גיין צוריק, ווערט אים דידאָזיקע שפּירונג צערונען. אַ מאָדנע זאַך: אַלץ באַוועגט זיך אויף צוריק. אַלץ, אפילו די לופט, וואָס ציט זיך בעת־מעשה איבער די באַקן, ווי אַ ווייך און וואַרעם וואַסערל, און עס דאַכט זיך, אַז מען שוועבט איבער דער ערד.

עס איז אָנגענעם צו זיצן אין אַ לאַנגן וואָגן צווישן פעסער הערינג און קאַסטנס טאַבאַק, צווישן פּעק מיט קנעפּלעך און גע־טריקנטע טאַראַנעס און צווישן מאָדנע משונה'דיקע פּאַסאַזשירן, איבערהויפּט ווייבער, וואָס קוקן זיך ווייל־וועווייז אַרום מיט טויטע אויגן. פּאַמעלעך אנטלויפן די גאַסן פון וואָגן, די פערד קלאַפּן מונטער איבער'ן בריק, און אָט הייבט זיך אָן אַ ברייט פריי פעלד מיט אַ שטויביקן שליאַך אינמיטן. אין די געדיכטע קאָרנ־פעלדער, וואָס ליגן ביים וועג, ציען זיך לאַנגע טעלעגראַפן־דראָטן אויף הויכע הילצערנע סלופּעס מיט ווייסע טעפּעלעך, און אויף דידאָזיקע דראָטן זיצן מאַנכע פייגל און קוקן, נישט מיט די אויגן נאָר מיט'ן שטומען שנאָבל, אין דער ווייטקייט אַריין.

פונקט אַנטקעגן אויג גייט־אונטער די זון אין אַ רויטן ים, און די „זיילן שטויב, וואָס די רעדער הייבען־אויף, זענען אַזוי ווי באַשפּריצט מיט בלוט. רויטע פינטעלעך טוקן זיך ביי די ווייבער

אין די אויגן. פון די פעלדער גייט-אויף אַ פרישקייט, אָנגעפילט מיט די געזונטע ריחות פון תבואות און קרייטעכצער, און פון ווייטן דערטראָגט זיך דאָס פאַרטראַכטע ברומען פון אַ טשערעדע; ווייט אויפ'ן וועג, אַנטקעגן דעם רויטן זונאונטערגאַנג, גייט אַ מענטש מיט אַ שטעקן אין האַנט און אויפ'ן פאָן פון רויטן ים זעט ער אויס קליין און שוואַרץ, ווי אַ געמאָלט שוואַרץ מענטשעלע אויף א רויט פאַפיר. דאָסדאָזיקע מענטשעלע גייט מיט זיין שטעקן אַזוי לאַנג, ביז ער גייט-אַריין אין רויטן הימל אַריין, אַקוראַט אין יענעם אָרט, וואו עס פאַרגייט די זון.

לאַנגזאַם לעשט זיך די רויטקייט, ווי אַ פייער אין אַ רויטער לאָמפּ, וואָס האָט שוין נישט קיין נאַפט. די בעל-עגלה'ס גייען ביים וועג און שמועסן פון דזעגעכטס, די רעדער סקריפּען אונטער די שווערע וועגנס, די פאַסאַזשירן טרייסלען זיך, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיצנדיק געטאַנצט, און דאָרט ווייט, וואו די ערד שניידט זיך אַריין אין הימל, קנוילן זיך ווייסע נעפּלען און פון דידאָזיקע נעפּלען שפּראָצט-אַרויס די ערשטע אָוונט-טונקלקייט. ווי אַ רויך שפּרייט זי זיך שטיל און גנב'יש צווישן הימל און ערד וואָס ווייטער אַלץ געדיכטער און געדיכטער, און פּלוצלינג עפנט דער הימל אַ גאָלדן אויג און קוקט-אַראָפּ דורך אים גלייך אויף דער ערד, פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט אויף איר אַ פאַרלוירענע זאַך. דאָס איז דער אָוונט-שטערן.

די לעצטע רויטקייט זעט נאָך משה'לע אויף די שינעס פון אַייזנבאַן, וואָס לויפן ווי פאַרבלוטיקט אין די טונקעלע וואַלן פון אָוונט. פאַר די שינעס שטייט אַ שלאַגבוים מיט געמאָלטע סלופּעס — ווייס-בלאָ-רויט, און דערביי זינקט אַ רויט הייזל אין געדיכטע קאַרשנביימער און קוקט מיט אַ צונטער-רויט פענסטער אין דער שטומער ווייטקייט אַריין. דאָס איז די לעצטע רויטקייט, וואָס ווערט באַלד פאַרשמירט אויף גראָ-שוואַרץ. צו דעמדאָזיקן הייזל ציען זיך אויך טעלעגראַפן-דראָטן, פּונקט ווי זיי וואָלטן אים אַיינגערוימט אַ סוד.

וויפיל גייעסן, וויפיל אינטערעסאַנטע זאַכן די שטאָט זאָל נישט האָבן, איז עס אָבער אַלץ אַ גאָרנישט פאַר משה'לען אין

פאַרגלייך מיט דעם פאַרבנשפּיל פון די פעלדער און דעם ליכט-טויש פון די הימלען. אָבער פאַראַן דאָ נאָך אַ זאַך, וואָס איז נאָך אינטערעסאַנטער און ציענדיקער פונ׳ם פאַרבנשפּיל: דאָס איז דער סוד פון דער נאַטור. וואו מען זאָל נישט קוקן — צי אויף די פעלדער, צי אויפ׳ן הימל, זעט מען ווי־לעוויי, ווי דאָרט ווערט עפּעס געענדערט. עפּעס ווערט דאָרט ווי־לעוויי געבוירן און געשטאָרבן. אָבער ווי מען זאָל נישט אָנשטרענגען דעם מח און דאָס אויג, קאָן מען פאָרט נישט וויסן וואָס. און נישט דאָס ווינטעלע איז בלויז ווינטעלע און נישט דאָס וואָלקנדל איז בלויז וואָלקנדל און נישט אפילו דאָס גרעזל איז בלויז גרעזל. זיי זענען, אויסערדעם, נאָך עפּעס; אָבער מען קאָן נישט וויסן וואָס. זיי האָבן עפּעס אַן אומבאַקאַנטע שליחות און זענען דורכגעוועבט מיט סודות. פון יעדן גרעזל שפּראָצט אַ סוד און אין יעדן וואָלקנדל שפּילט עפּעס אַ געהיימניש. און נאָכמער: זיי אַלע זענען באַהעפט, פאַרייניגט צווישן זיך, און זיי פאַרשטייען זיך אייגאַנדער אויף אַ באַזונדער לשון — זייער לשון.

די סודות, וואָס שווימען־אַרום אין דעם יונגן אָוונט, זענען גרעסער פון משה׳לעס מח׳ל און ער שפּירט זיך מיד פון אָנ־שטרענגונג און טראַכטן, און מאַכט־צו די אויגן. די פעלדער און דער הימל גייען דעמאָלט אַריין אין אים און ער קוקט אויף זיי מיט צוגעמאַכטע אויגן און פאָרט מיט זיי אויף דעם לאַנגן וואָגן. ער זעט זיי אין זיך אַקוראַט אין דעם אייגענעם פאַרב און ליכט, ווי אין דער מינוט בשעת ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, און דער־דאָזיקער צושטאַנד איז אַזאַ מאָדנער, פּונקט ווי משה׳לע וואָלט עטוואָס שיכור געווען. און דעמאָלט שפּירט ער, אַז ער הערט אויך אויף צו זיין בלויז מענטש, אַז ער איז, אויסערדעם, נאָך עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו די וואָלקנדלעך און צו אַלץ, וואָס זיין אויג זעט אין דער נאַטור.

פּאַמעלעך דרעמלט משה׳לע אַיין, אָבער מיט יענעם לייכטן דרעמל, ווען מען הערט וואָס מען רעדט, ווען דער מח טראַכט און עס דאַכט זיך אַז מען באַוועגט זיך און מען זעט. אָבער דער דרעמל שטאַרקט זיך, און אַז משה׳לע כאַפּט זיך אויף, דערזעט

ער פלוצלינג אַן אויסגעשטערנטן הימל, וואָס הענגט איבער'ן קאָפּ ווי אַ שוואַרצע דעקע מיט גאָלדענע גלעקעלעך. פערד און וואָגן שטייען נעבן אַ שוואַרץ הייזל מיט ליכטיקע פענסטער, וואָס ליגט אין דער זומערנאַכט ווי אַ שוואַרצע קאַץ מיט געלע גלעזערנע אויגן. אין דער ברייט־אָפענער טיר שטייט קושע מיט דעם רייזע־טאַש אויפ'ן בויך און מיט דער בייטש אין דער האַנד און שרייט צו דעם צווייטן בעל־עגלה:

— שלים־מזל, וואָס קוקסטו! כאַפּ די קופּע היי... קיינער זעט נישט...

די ווייבער־פּאַסאַזשירן דרייען זיך אַרום הייזל, ווי קעלבער אַן אַ פּאַסטוך, און די פערד האַלטן די קעפּ אין שוואַרצע טאָרבעס און קייען מיט אַ מאָדנעם טעמפּן קלאַנג. נישט ווייט פון הייזל שלאָפט אַ וואַלד. דיביימער שטייען געטוליעט צו אייננאַנדער און איבער זיי ליגט די נאַכט אַ שוואַרצע און אַ וואַרעמע, פּונקט ווי אַ מוטער איבער קינדער. אַז מען זאָל איצט, צום ביישפּיל, אַוועקגיין טיף אין וואַלד, קאָן מען זיכער קומען צו אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ מיט אַ שלאָפנדיקער בת־מלכה, אָבער פריער קאָן מען אָנבאַגעגענען אַ בער, צי אַן אַנדער חיה, וואָס קאָן נאָך אײַנביי־סען ביז טויט. ווי קומט מען אָבער פאָרט צו דעמדאָזיקן גאָל־דענעם פּאַלאַץ? דאָס איז אַ פיינלעכער פּאַרדרוס: פאַר די אויגן ליגט אַן אוצר און מען קאָן נישט צוקומען צו אים. לויט זלמנ'ס מעשה'לעך געפינט זיך דער גאָלדענער פּאַלאַץ נאָר אין דעם וואַלד. וואָרום אָט איז דאָס בערגל פון יענעם מעשה'לע, און אָט איז דאָס הייזל פאַר'ן וואַלד, און אָט איז דער ברונעם מיט'ן הויכן שטעקן, און אָט איז אפילו דער וועג, וואָס לויפט־אַוועק לינקס צווישן צוויי שוואַרצע שורות נידעריקע קוסטעס. עס פעלט דאָ נאָר דער רייטער מיט'ן ביקס אויפ'ן רוקן און דאָס ייִנגעלע מיט דער לאַמטערנע. אָבער אַ מאָדנע זאַך: דאָס אייגענע אָרט פּאַסט זיך אויך פאַר ארץ־ישראל. דאָס בערגל קאָן, צום ביישפּיל, זיין דער מוטער רחל'ס קבר און דער וועג קאָן פירן קיין בית־לחם. דאָרט, ווייטער, שטייט אַ באַזונדער בוים, וואָס זעט־אויס ווי אַ צעדער, און רעכטס,

אין טאָל, ציט זיך דער טייך, אַ בלאָסער, פונקט ווי דאָרט וואָלט געלעגן אַ לאַנג פּאַפּיר — און ער קאָן זיין דער ירדן...

באַוועגט פון טויזנטער מחשבות שפּרינגט משה׳לע אַראָפּ פון וואָגן. אויף דער ערד באַפאַלן אים פאַרשידענע ריחות: אַ ריח פון היי און פון וואַלד, און אַ ריח פון זומערדיקן שטויב און פון יאַגדעס, און אַ ריח פון פערד און פון קושען און פון דעם אַלטן הייזל-געהילץ. דידאָזיקע אַלע ריחות זענען שטאַרק ווי וויין, און עס דרייט פון זיי עטוואָס דער קאָפּ. וואו מען זאָל נישט וואַרפן מיט אַן אויג, איז נאַכט און הימל און שטערן, און פון אַלע זייטן גייט-אויף אַ וואַרעמקייט און אַ שטילקייט און די מענטשן זעען-אויס ווי שוואַרצע שאָטנס און מען הערט נישט זייערע טריט. און נאָר די ליכטיקע פענסטער פונ׳ם הייזל קוקן ווי געלע גלעזערנע אויגן ביי אַ שוואַרצער קאָפּ, און זיי שטערן דאָ עטוואָס דעם טאָן פון דער נאַכט.

אויפ׳ן שוועל פון הייזל באַווייזט זיך קושע, פונקט ווי אין אַ שוואַרצער ראַם, מיט אַ גרויסן ביסן אין מויל, און ער קייט אויך מיט אַזאַ קלאַנג ווי די פערד.

— דו, קליינער, — גיט ער באַסיק אַ זאָג — עסן ווילסטו?...

משה׳לע הייבט-אויף דעם קאָפּ. לויט׳ן טאָן פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן צו אים, אָבער ער ענטפערט קורץ:

— ניין...

— פאַרוואָס ווילסטו נישט עסן?

— איך וויל נישט...

— עפּעס זעסטו מיר אויס פון די קלוגע, פון די-יעניקע... ווי רופט מען דיין טאַטן, האַ? — דרייט זיך קושע לאַנגזאַם אויס, ווי אַ פערד, און גייט-אַריין צוריק אין הייזל, נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

משה׳לע כאַפּט זיך דערווייל אַריבער אויף יענער זייט הייזל. דאָרט שטייט אַ קליין אָפן שטעלכל מיט שלאָפנדיקע ווייסע ציגעלעך, און אַ בהמה, וואָס ליגט נעבן זיי, הייבט-אויף דעם קאָפּ און קוקט אים אָן מיט גרויסע שוואַרצע פרעגנדיקע אויגן. פון ערגעץ וואַקסט-אויס, אָהן אַ שום שאָרך, אַן אַלטער גוטער הונט, פונקט ווי

אַ מענטש, וואָס אים שלאָפּט זיך נישט, און שמעקט אים לאַנגזאַם אַרום ביי די פיס, פונקט ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, צי ער קאָן אים, צי נישט. און פּלוצלינג דערהערט זיך פון דעכל אַ קוואָקעניש פון הינער, פונקט ווי אינדערוווייטנס וואָלטן זיך וויי־בער בייז איבערגעשמועסט און דער אַלטער דאָרפסהונט הייבט־אויף צום דעכל דעם קאָפּ מיט עפּעס אַ מינע פון ביטול. נאָכדעם נעמט ער זיך פון דאָסניי אַרומשמעקן משה׳לען און דאָס יינגל גלעט אים ביים קאָפּ, וואָס איז באַדעקט מיט אַלטע האַרטע פאַר־שטויבטע האָר. פון שטומען שלאָפנדיקן וואַלד קומען פאַרשטיקטע קלאַנגען און אין ראַנד פון טונקעלן הימל גנב׳עט זיך אַריין אַ בלאַסקייט, פונקט ווי די נאַכט וואָלט דאָרט געעפנט אַ פענסטערל אין טאָג אַריין.

— האַוו, האַוו, האַוו!... — גיט זיך דער הונט ראַפּטום אַ ריס פון אָרט און האַקט זיך אָבער אָפּ מיט אַמאָל: קענטיק, פון אַלטקייט אַ טעות געהאַט און אָנגענומען אַ בוים פאַר אַ הויכן גייענדיקן מענטשן.

נאָר באַלד דערויף דערהערט זיך קושעס זאַטער געדיכ־טער קול:

— עולם, וואו זענט איר, מיר פאָרן...

דער הונט, וואָס פאַרשטייט שוין, אפנים, קושעס לשון, גיט אַ קראַץ מיט אַ הינטערשטן פוס דעם קאָפּ און גייט־אַוועק אָן אַ זייט, ווי איינער זאָגט: וואָס האָב איך מיט דיר וואָס צו טאָן, אַז דו פאָרסט דאָך אַוועק.

און אָט פאָרט משה׳לע פון דאָסניי אונטער אַ הימל מיט גאָלדענע גלעקעלעך, וואָס ציען זיך אויף צוריק, און אַז מען זאָל זיך גוט אָנשטרענגען, קאָן מען הערן ווי דידאָזיקע גלעקעלעך קלינגען שטיל־שטיל... וואָס ווייטער מען פאָרט, אַלץ צוגעפּאַסטער זענען די ערטער צו זלמנ׳ס מעשה׳לעך. אָט איז גאָר אַ הויכער באַרג, וואָס ליגט פאַרהילט אין נאַכט און איז עטוואָס באַשפּריצט מיט׳ן ליכט פון די שטערן. פון הינטער דעמדאָזיקן באַרג שווימט שטיל און פאַרבאָרגן אַרויס אַ קליין ווייס מויערל מיט שוואַרצע פענסטער און באַלד דערויף דערהערט זיך אַ באַסיק בילן פון

אַ הונט אויף אַ קלינגענדיקער קייט. אָט איז אַ קליין טייכעלע מיט אַ בריקל און דערביי ציט זיך אַ דאָרף מיט צוויי לאַנגע שורות הייזער. אין דאָרף שלאָפֿן אַלע, נאָר פֿון צווישן די שיטערע פּאַרקאַנעס קוקן הינט מיט בייזע פֿייערדיקע אויגן און מיט שנייווייסע בלישטשענדיקע ציין.

די נאַכט זייט איר ווייכע שוואַרצקייט איבער אַלע עקן פֿון דער וועלט, און אַמאָל דאַכט זיך משה׳לען, אַז דאָס איז אַ שוואַרצע געשטאַלט, וואָס טרינקט שוואַרצן ווײַן פֿון אַ שוואַרצן בעכער. אַמאָל, ווידער, דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז אַ שוואַרצע געשטאַלט מיט שוואַרצע לאַנגע צעבלאָזענע האָר, וואָס שטייט צווישן הימל און ערד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זוכט עפּעס אַרום זיך. נאָר גוט און זיס איז אין דער נאַכט, ווי עס איז גוט און זיס אין אַ מעשה׳לע אָדער אין דער ליבשאַפֿט צו שיינדעלען. טיילמאָל אָבער דאַכט זיך משה׳לען, אַז ער האָט נישט קיין עבֿר אין דער נאַכט, אַז ער איז איינזאַם און אַליין, ווי אַ גרעזל, ווי אַ בוים, אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען און אפֿילו אָן שיינדעלען. דאָס פֿריערדיקע איז מיטאַמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן און עס איז בלויז דאָ דאָס איצטיקע, דאָס הייַנטיקע — דאָס פֿאָרן אויף דער גרויסער וועלט, וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף נישט. און דערין, אז עס איז טאַקע נישטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף, האָט אים איצט באַזונדערס איבערצייגט זיין נסיעה. פֿאָרט ערגעץ אַ משה׳לע אין אַ לאַנגן וואָגן צווישן פֿעלד און וואַלד און ער געהערט צו קיינעם נישט און קיינער געהערט צו אים נישט. און פֿון זיין עבֿר איז אים נאָר געבליבן זיין נאָמען משה׳לע. אָבער באַלד דערשפּירט ער, אַז דאָס איז נישט אַזוי. אמת, זיין עבֿר איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, אָבער ער געהערט דער נ אַ כ ט. ער געפֿינט זיך איינגאַנצן אין איר רשות, ווי אַן אָדלערל אונטער די ברייטע פֿליגלען פֿון זיין מוטער, ווי אַ קליין פֿישעלע אין אַ וואַסער, און זי וועט אים זיכער באַהיטן און באַשירמען פֿון אַלדאָס בייז און שלעכטס. אָבער זי מוז אים באַהיטן און באַשירמען, ווייל ער איז אַ יידעש קינד און זי איז אַ טייל פֿון גאָט... אין דער נאַכט איז אויך פֿאַראַן גאָט.

אין די סאַמעטענע האָר פון דער נאַכט טריפט פלוצלינג אַריין עפּעס אַ גראָע ליכטיקייט און מען ווייס נישט פון וואַנען, פונקט ווי אין הימל וואָלט געעפנט געוואָרן אַ קליין לאָדנדל. אַ שורה שטערנדלעך, וואָס משה׳לע האָט פריער לאַנג געקוקט אויף זיי, איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן טיפער אין הימל אַריין. דאָרט ביים ראַנד פון דער ערד קנוילט זיך אַ רויטער נעפל און עפּעס שטאַרבט־אָפּ און עפּעס ווערט געבוירן. די גראָע ליכטיקייט הייבט ווידער אָן טריפן גאָר אין אַן אַנדער זייט, וואו עס איז פריער שוואַרץ געווען, און דער רויטער נעפל צעוואַקסט זיך. פונ׳ם רויטן נעפל שיילט זיך אויס אַ רויטער ברעג הימל, אָבער די רויטקייט איז אַ פאַרשלאָפענע, אַן אומעטיקע. אַלץ איז עפּעס ערנסט און אומעטיק, ווי פאַר אַ גרויסער געשעעניש. די גאָלדענע גלעקלעך ווערן בלאַסער און בלאַסער און רוקן זיך טיפער אין הימל אַריין. פאָרנט, רעכטס און לינקס ווערן פּאַוואָליע אויפגעדעקט בלאַסע און גרינע פענסטערלעך הימל, פאַרשלאָפענע נעפלדיקע פעלדער, זאַמדיקע שטומע טאָלן און איינציקע גראָע־שטרוידעכלעך פון פויערשע הייזלעך. טויזנטער און טויזנטער בלאַסע פענסטערלעך ווערן שטיל און אומבאַמערקט געעפנט אין הימל, און די נאַכט ציט זיך אַוועק אַ שוואַכע, אַ שטילע, פונקט ווי אַ געשלאָגענע. קליינע שטיקעלעך נאַכט ליגן נאָך פאַרגעסענע אונטער די בערג, אין די קוסטעס, אָבער דאָס שטרענגע בעגינענליכט באַפאַלט זיי ווי אַ חיה און דערשטיקט זיי אונטער זיך. פאַראַן עפּעס צער און וויי אין דער אַוועקגייענדיקער נאַכט, וואָס קומט מיט אַזויפיל מאַכט און גלאַנץ. זי איז ענלעך צו אַ שיינער רייכער פרוי, וואָס קומט־צופאָרן אין קאַרעטן, פּטר׳ט אירע אוצרות און פאָרט־אַוועק, אַ באַליידיקטע און אַן עלנדע אויף אַ גראָ וועגעלע, אין אַ ווייטן לאַנד, און קיינער באַווייַנט זי נישט. זי פאָרט־אַוועק איילנדיק, ווייל עמעץ טרייבט זי, און מאַנכע זאַכן פון איר פריערדיקער עשירות ליגן נאָך דאָ און דאָרט צעוואָרפן איבער דער ערד.

דער ראַנד פון הימל רויטלט זיך, נאָר אין גראָז איז שוין ליכטיק, און קלאָרע טויעלעך שמייכלען־אַרויס, ווי גליקלעכע פּרי=

מאָרגן־טרערן. ווי שנעל דער טאָג גייט. ער גייט האַסטיק גראָב, זעלנעריש, פעסט און זיכער, און עס דאַכט זיך, אַז מען הערט זיין אָטעם און זיינע שווערע טריט. ער גייט מיט אַ ליכטיקן בע־זעם אין דער האַנד און פאַרקערט אָן רחמנות די לעצטע טונקעל־זיידענע שפּורן פון דער שטילער לייכטער נאַכט. האַרט און שטרענג רייסט ער זיך אַריין אין די מלוכה פון איר שטילקייט, רופט־אַרויס דאָרט אַ צעמישעניש, באַגיסט אַלץ מיט קולות און באַוועגונג און קערט אַלץ איבער קאַפּויר. ער קערט־איבער דעם באַרג, וואָס איז ביינאַכט אַנדערש געלעגן, דרייט־אום דעם בוים, וואָס איז פריער אַנדערש געשטאַנען, און שטעלט־איבער די פעל־דער און די וועלדער און דעם טייך און אפילו דעם וועג, איבער וועלכן משה׳לע פאָרט. אַלץ איז פאַרענדערט און איבערגעמאַכט — יעדעס גרעזעלע, יעדעס ביימעלע, יעדעס בערגעלע און יעדעס שטויבעלע, און עס איז נאָר אַ וואונדער, ווי שנעל דער טאָג מאַכט־דורך דידאָזיקע גרויסע אומבאַגרייפלעכע אַרבייט.

דרויסן איז שוין רעכט טאָג, נאָר די זון איז נאָך רויט, און זי שטייט אויפ׳ן הימל ווי אַ מאַט־רויטער פלאַם, ווי אַ רויטע לאָמטערנע, צוגעבונדן אויף אַ שנירעלע. אומבאַקאַנטע פייגל פליען איבער דעם וועג און וואַרפן־אַראָפּ אַ טרעל פון דערהייך, פונק ווי אַ קאָלירט גלעזערן קיילעכל. פון די הייזלעך און דערפ־לעך, וואָס שווימען פלוצלינג אַרויס ווי פון אונטער דער ערד, שפּרינגען־אַרויס איינציקע פויערים אין גראָבע לייוונטענע העמ־דער און ווערן תיכף פאַרפאַלן אין די פאַרטראַכטע תבואה־פעל־דער. יעדעס דאָרף, וואָס מען פאָרט פאַרביי, גיסט־אָב האַסטיק און אָפּגעהאַקט מיט די קולות פון הינט, הינער און חזירים, און אומעטום וואו עס הייבט זיך אַ שטויב פון דער ערד, בלייכט אָדער רויטלט זיך אַ זייט פון אַ בהמה. עס גייען טשערעדעס אויף פאַשע, עס סקריפּען פרעמדע, נישט בעל־עגלה׳שע וועגעלעך, עס קרעכצן די לאַנגע שטעקנס פון די ברונעמער און פון מאַנכע קוימענדלעך שפּראָצט־אַרויס אַ בלאָער רויך, ווי אַ שלאַנקער לופט־בוים. אָבער דאָס אַלץ האַלט פעסט דער טאָג אין זיין קילער פרי־

מאָרגן-האַנט, פון וועלכער זיי וועלן שוין, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט אַרויספאַלן.

די ערד וויקלט זיך און וויקלט זיך אונטער די רעדער ווי אַ ריזיקער קנויל, וואָס עמעץ דרייט פון אונטן, און פאַר די אויגן קומען אַלץ נייע בילדער, נייע פעלדער און וועלדער, נייע וועגן און דערפער מיט קליינינקע איינזאַמע קלויסטערלעך. טיילמאָל קומען פאַר די אויגן אַזוינע אויסטערלישע לאַנדשאַפטן, אַזוינע מאָדנע אייגנאַרטיקע ווינקעלעך און שטעגעלעך, וואָס משה׳לע האָט זיי געזען אַמאָל אין חלום אָדער אין זלמנ׳ס אַ מעשה׳לע, און דעמאָלט דאַכט זיך אים, אַז ער איז דאָ געווען און נישט געווען, אַז זיי זענען באַקאַנט און נישט-באַקאַנט. על-פי-רוב זענען דידאָזיקע ווינקעלעך און שטעגעלעך זייער שטילע, רוהיקע און אומשולדיקע און עס דאַכט זיך, אַז גאָט גייט איבער זיי, באַלד ווי ער לאָזט זיך פאַרבאָרגן אַראָפּ פון הימל. פאַראַן שטעגעלעך מיט אַ שטיל וואַסערל, פאַראַן בערגעלעך מיט אַן איינצלנעם ביימעלע און פאַראַן מנוחה׳דיקע וואַלד-ווינקעלעך, וואָס ליגן אונטער אַ שווייגנדיקן שאָטן, ווי אונטער אַ זיידענעם פליגעלע. קיין מענטשלעכער פוס טרעט נישט איבער זיי, קיין מענטשלעכער קול שטערט זייער שטילקייט נישט און זיי אַלע חלומ׳ען אַ שטילן גאָט-חלום. דורך זיי קאָן מען אפשר אַרויף אויפ׳ן הימל און דורך זיי קאָן מען אויך פון הימל אַראָפּ אויף דער ערד.

קוקנדיק אויף דידאָזיקע ווינקעלעך, פאַרוועלט זיך משה׳לען דאַוונען, און ער הייבט-אָן זאָגן פון מה-טובו מיט אַזאַ שטילן און האַרציקן טאָן, פונקט ווי מען דערציילט עפּעס אַ זיסן סוד פאַר אַ ברודער. די ווערטער פליסן אים לייכט פון דער צונג, און עס דאַכט זיך אים, אַז גאָט, וואָס איז נישט לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער דעם בערגל מיט דעם ביימעלע, איז אַריין צו אים אין וואָגן, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים און הערט מיט ליבע אויס, וואָס דאָס יינגל דערציילט מיט די ווערטער פון דאַוונען. דאָס דאַוונען הערט-אויף צו זיין אַ לויב צו גאָט, נאָר עס ווערט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דער נאַכט. פאַר די שטערן און פאַר די זיסע

שפּירונגען, וואָס דאָס ייִנגל האָט איבערגעלעבט. און נאָכדעם, אַז ער ענדיקט, קוקט ער זיך אַרום, פּונקט ווי ער וואָלט זיך צע־זעגנט מיט גאָט, וואָס גייט צוריק אַרויף אויפ׳ן בערגל מיט׳ן ביי־מעלע, און ער קוקט אים נאָך אַ גליקלעכער און אַ רואיקער.

די זון איז שוין נישט מאַט־חיוורדיק. איצט איז זי שוין אַ גאָלדן אימפּעט־פערד, אויף וועלכן עס רייט הילכיק דער טאָג מיט אַ לאַנגער שטראַלן־בייטש אין דער האַנט, און אָפּטערס כאַפּט די ערד אַ הייסן פייערדיקן שמיץ.

אָבער דאָס פייער שטאַרקט זיך. עס דאַכט זיך, אַז עס איז קיין לופט נישטאָ, נאָר בלויז ווייס פייער, וואָס שטייט צווישן הימל און ערד, און דער הימל דעקט עס צו. עס זאָל נישט אָפּ־קילן. משה׳לע מאַכט־צו די אויגן פון היץ און ליכט, וואָס דרינגען אים אַדורך דעם שאַרבן פון קאָפּ. דער לאַנגער בעל־עגלה׳שער וואָגן גייט ווי אין אָפּענעם פייער, און אַלץ ברענט: קושע ברענט און די ווייבער־פּאַסאַזשירן ברענען און דאָס פערד ברענט. אָבער עס איז דאָך אָנגענעם און דער תענוג פון פאָרן איז נאָך געוואַלדיק שטאַרק. פאַראַן נאָר איין פעלער: דאָס ליכט איז געוואַלטיק גרויס און לאָזט נישט האַלטן אָפן די אויגן. אָבער מיט צוגעמאַכטע אויגן קאָן מען אויך אַלץ זען און נאָך אפשר בעסער, ווי מיט אָפענע.

בייטאָג שטעלט מען זיך ווידער אָפּ פאַר אַ קיל וואַסערל מיט אַ קליין נידעריק הייזל. פאַר דער טיר פון הייזל שטייען צוויי קליינע פּויערשע מיידעלעך מיט ווייסע האָר און מיט פינגער אין די מיילעכלעך. איינס פון זיי צעלאַכט זיך פּלוצלינג און אַנטלויפט און דאָס צווייטע זעצט זיך אַנידער אויף דער ערד און נעמט וואַרפן שטיינדלעך אין וואַסער אַריין. אויפ׳ן שוועל באַווייזט זיך אַ גרויסער סאָלידער הונט, די פּאָדערשטע פיס אויס־געצויגן, דער קאָפּ אויפגעהויבן מיט אַזאַ מינע, פּונקט ווי ער וואָלט זיך רואיג באַדאַכט, צי דער עולם מיט די פערד זענען אָנ־שטענדיקע צי נישט. פון ערגעץ שפּרינגט־אַרויס אַ קעלבל און לאָזט זיך אַוועק איבער׳ן פעלד מיט אַ פאַרריסענעם עק און מיט פאַרבייגטע פיס אונטער׳ן בויך, פּונקט ווי עס וואָלט מיטאַמאָל

משוגע געוואָרן פון שמחה. די פערד ציען מיט די אויערן און שמייסן כּסדר מיט די עקן די בייסנדיקע פליגן, וואָס לאָזן זיי נישט אָפּ אויף אַ רגע. דידאָזיקע שרעקלעכע בייסער, די פליגן, האָט משה׳לע באַמערקט, לויפן נאָך מיט די פערד פון שטאָט אָן און נישטאָ קעגטיק קיין שום תּרופה צו זיי.

ביים וואַסערל וואַשט זיך משה׳לע אָפּ דאָס געזיכט און גע־ניסט עפּעס צום ערשטן מאָל פון זיין קליין פּעקעלע, וואָס ער פירט מיט זיך. קושע, וואָס איז שוין לאַנג אַראָפּ פון וואָגן, דרייט זיך אַרום ביים טייכל מיט אַ ברייטל אין איין האַנט און אַ הערינג אין דער צווייטער. מיט׳ן מויל רייסט ער, ווי אַ חיה, שטיקער־ווייז פון ביידן און בעת־מעשה דרייען זיך אים די אויערן, ווי קאָלבעס אין אַ ראָד. דער שווייס רינט אים איבער׳ן פּנים, ווי מוטנע רעגנטראָפּנס, אָבער דאָס ברייטעל מיט׳ן הערינג ווערן אַלץ קלענער און קלענער.

אין דער גרויסער היץ היט־אָב דאָס וואַסערל זיין קילקייט, און עס שלענגלט זיך צווישן די פעלדער, ווי אַ שטיק צאַפּלדיק זילבער. עס איז גוט צו ליגן דערביי מיט צוגעמאַכטע אויגן און זיך צוהערן, ווי עס ברומען אין גראָז פאַרשידענע פליגעלעך און ווי אַ וועלכעלע גיט וואו־נישט־וואו אַ וואָרקע צום ברעג, ווי אַ טויב. אָבער לאַנג קאָן מען נישט הערן דידאָזיקע קלאַנגען, ווייל זיי פאַרשלעפערן ווי וויין. און משה׳לע, וואָס האָט נישט לאַנג צוגעביסן, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אינ׳ם פרישן גראָז, וואָס שמעקט עטוואָס מיט וואַסער, און בלייבט ליגן אומבאַוועגט, ווי אַ שטיין.

אַז ער כאַפּט זיך אויף, שפּירט ער, ווי די זון האָט אים אויסגעברענט דעם שטערן; אָבער אויפ׳ן וואָגן שטייט קושע, אַ הויכער און אַ שוואַרצער, ציט די לייצעס און דרייט אין דער לופטן די בייטש. משה׳לע איז באַלד אויף די פיס און לאָזט זיך לאַנגזאַם גיין נאָכ׳ן סקריפּענדיקן וואָגן.

— פינף מייל, — טראַכט ער — און מען פאָרט אַזוי לאַנג. די וועלט איז אַזוי גרויס...

די פערד ציען די וועגנס מיד און שווער, און ביי די זייטן גייען די בעל־עגלה׳ס מיט די בייטשן אונטער די אָרעמס. צווי־

שן זיי באַמבלט זיך אַ קליין בעל־עגלה׳לע, כּמעט אַ יינגל, מיט אַ לאַנגן פּאַפּיראָס און מויל און מיט אַ היטל איבער די אויגן.

די זון וויל שוין ווערן צוריק אַ רויטע, ווי נעכטן. אַ גאַנצן הימל איז זי דורכגעגאַנגען, און איצט פאַרקירעוועט זי זיך אין יענע הימל־געסעלעך, וואָס פירן צום ראַנד. עטלעכע וואָלקנדלעך ווערן באַצייטנס רויט און פוצן־אויס אַ וועג פאַר איר. דער טאָג, וואָס האָט זיך אַזוי מעכטיק אָנגעהויבן, האָט אויך אַ סוף, און אין דער ריינער לופט שטאַרבט־אָפּ זיין ליכט צוזאַמען מיט זיין היץ. עס איז נאָך ווייט צו נאַכט, דער פאַרנאַכט איז אפילו נישט געקומען, אָבער דאָך פילט זיך שוין דער קלאַנג פון דער ווייטער נאַכט־קאַרעטע: זי פאָרט ערגעץ אויפ׳ן הימל און דער־גענטערט זיך צו דער ערד.

משה׳לע זעצט זיך צוריק אין וואָגן, אָבער די פערד הייבן זיך־אויף אויף אַ באַרג. זיי סאָפּען שווער, טראָגן־מיט די בייכער, שאָקלען מיט די קעפּ, ציען די אויערן און שטעלן זיך־צו עטלעכע מאָל פון מידקייט. אָבער אַז זיי קריגן זיך אַרויף אויפ׳ן באַרג, וואַקסט־אויס פּלוצלינג אַ קרעטשמע מיט אַ געל יידל אויף דער שוועל. פון די פענסטער קוקן פּנים׳לעך פון יידעשע קינדער, און ביי דער פּריזבע פון הייזל קלאַפּן זיך אָן מיט די הערנער צוויי ווייסע ציגן.

— הענאַך! — שרייען די בעל־עגלה׳ס צום יידל — טראָג אונדז אַרויס צו גלעזעלעך... אַ שרעקלעכע היץ היינט געווען. קוים דערפּאָרן.

הענאַך קומט באַלד אַרויס מיט אַ גרינלעך פלעשל שנאַפּס און אַלע בעל־עגלה׳ס טרינקען פון איין גלעזל. דער לעצטער טרינקט דאָס יינגל און פאַרקרימט זיך פונקט ווי די גרויסע. ער איז צופרידן, וואָס ער האָט גראָבּע שמוציקע הענט, גרויסע שטיוול, אַ בייטש אונטער׳ן אָרעם און אַ היטל איבער די אויגן.

— און עפּעס צובייסן ווילט איר נישט? — פרעגט הענאַך און קוקט אויף די ליידיקע פלאַש אין דער האַנט.

— וואו, אָט איז דאָס שטעטל, — זאָגט קושע אוןווישט־אָפּ מיט׳ן אַרבעל די וואָנסן.

משה'לע הייבט־אויף די אויגן און זעט פון ווייטן קליינע הייזלעך, וואָס ליגן ווי אַ סטאַדע גראָע שעפּסן מיט אַ שפּיץ פון אַ קלויסטערל אינמיטן. פון ביידע זייטן שטייען צוויי וועלדער, אײַנגעהילט אין אַ בלאָען רויך. משה'לען גלויבט זיך נישט, אַז דאָס איז דאָס שטעטל: עפּעס איז עס ענלעך צו אַ דאָרף, וואָס ער איז שוין איינמאָל פאַרבייגעפאָרן. אָבער די ווייבער־פּאַסאַזשירן מאַכן זיך צורעכט די טיכלעך אויפ'ן קאָפּ, ציילן־אויס מיט די אויגן די פּעקלעך, וואָס זיי פירן און קוקן, מיט אומרואיקע צופרידענע בליקן אַהין, וואו עס ליגט די גרויסע סטאַדע שעפּסן.

די פערד דערשפּירן די היים און רירן זיך מוטיקער פון אָרט. דאָס געפּעק, וואָס איז צעטרייסלט געוואָרן פאַר די פינף מייל, וויל אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן. אָבער קיינער קוקט זיך נישט אום דערויף, און קלאַפּנדיק און טראַסקענדיק רייסן זיך אַריין די פורן אין שטעטל אַריין מיט געשרייען און פייפערייי פון די בעל־עגלה'ס, און צו משה'לען שווימען־צו שטילע שמאָלע געסלעך, געל־בערדיקע יידן און מעוברת'ע ווייבער. אַראָפּשפּרינגענדיק פון וואָגן, באַפאַלן משה'לען צוויי געדאַנקען מיט אַמאָל. איינער:

— אָפּגעפאָרן פינף מייל און קיין איין גזלן נישט געזען.

און אַ צווייטער:

— דאָ איז דער טאַטע געבוירן געוואָרן...

נײַנטעס קאַפּיטל.

משה'לע צעקושט זיך מיט'ן פעטער און מיט דער מומען און פון אַ לאַנגער באַנק הייבט זיך־אויף אַן אַלטיטשקע ייִדענע מיט די הענט אין דערהייך און מיט אַ קליין אַלט שאָקלענדיק קעפּעלע צווישן די הענט און פאַלט אים אַרויף דושנע און ווייך, ווי אַן אַלט קישן. אַ ווײַלע איז שטיל, פּונקט ווי די אַלטע וואָלט געחלש'ט, און דערנאָך קושט זי אים אויפ'ן בעקל מיט איר אײַנגעשרומפּן פּנימ'ל און די צוויי ביינערדיקע הענטלעך דריקן אים פון רוקן צו דער ברוסט. אָבער אַז משה'לע באַפרייט זיך, דערשרעקט ער זיך פאַר איר אַלטקייט. עס דאַכט זיך, אַז דאָס לעבן האָט זיך שוין לאַנג אַרויסגעגאָסן פון איר, ווי פון אַ צעבראָכענער כלי, און עס גייט נאָך אַרום אויף דער וועלט אַ פאַרגעסענער גוף, פּונקט ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ קבר. אין די אויגן שפּראָצט נאָך אַן אַלט שטאַר פײַערל און עס שמעקט פון איר מיט יענער וועלט. דאָס קליידל, וואָס זי טראָגט, איז אויך אַן אַלטס, ווי זי, אָבער עס איז ריין און דאָס סאַמעטענע טשעפּעקל אויפ'ן קאָפּ האָט נאָך אַ גלאַנץ.

— זעץ דיך... זעץ דיך... זאָגט זי מיט אַ קייענדיקן לשון:— זעץ דיך. דו ביזט דאָך מיד...

אין האַנט האַלט זי אַ שטעקן, אויף וועלכן זי שפּאַרט זיך אָן, און זי מאַכט אַ טריט אָדער דרייט זיך אויס, ווי אַ טישל אָדער אַ שטול. אַז משה׳לע קוקט זיך בעסער צו צו איר, דער-קענט ער אויף איר דעם טאַטנס נאָז און דעם טאַטנס שטערן. אָבער ביידע זענען שטאַרק איינגעשרומפּן און זענען ענלעך צו אַן אָפּ-געבאַקטער קאַרטאָפל.

— און דער טאַטע וואָס מאַכט... און די מאַמע...— קייט זי די ווערטער און רוקט זיך צו משה׳לען מיט׳ן ריח פון יענער וועלט.

אין שטוב באַוועגט זיך דער פעטער, מיט אַ שטעקעלע אין האַנט, מיט אַ ווייסן קראַגן אויפ׳ן האַלדז און מיט אַ זמר׳ל אונ-טער דער נאָז. ווײַלעווײַז גייט ער אַריין און אַרויס, אָבער מען הערט נישט זיינע טריט, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט פיס פון וואַטע. זיין באָרד איז אַ געלע, ווי ביי אַלע שטעטלשע יידן, די הענט דינע, אין די וואָנסן אַ שמייכעלע, אין די אויגן אַ פייערל, אין נאָז אַ זמר׳ל. דאָ איז ער ביים פענסטער, דאָ ביי דער טיר, דאָ אינמיטן שטוב, און דאָס אַלץ קומט-פאָר אָן אַ שום שאָרך, אָן אַ גערויש, פּונקט ווי ער וואָלט געשוואומען אין אַ וואַסער. פון צייט-צו-צייט גיט ער אַ שווים צום קאָמאָד, נעמט דאָרט אַ קעמל און פאַרקאַמט זיך די געלע באָרד פאַר׳ן שפּיגל, וואָס הענגט דערביי אויף דער וואַנט, און שווימט באַלד אַוועק צו דער טיר. פון דער טיר שווימט ער תּיכּף צוריק, שטעלט זיך-צו נעבן משה׳לען מיט אַ זמר׳ל אין נאָז און גיט פּלוצלינג אַ פרעג:

— נו, דער טאַטע האָט קאַטאַר?..

און צעלאַכט זיך מיט פאַרקוועטשטע אויגן.

און אין שטוב גייט-אונטער די זון אין אַלע פענסטער. רויטע שטראַלן, ווי וויין-וואַסערלעך, שפּילן אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די ווייסע ווענט, און דער טיש, שטולן און בעטן שטייען ווי שוואַרצע פלעקן אונטער אַ ראָזער לופט. צוליב דער רויטקייט פון דער אונטערגייענדיקער זון און צוליב דעם שלל פענסטער

אין אַלע פיר ווענט זעט-אויס די שטוב ווי אַ רויטע פּאַפּירענע לאַמטערנע, אין וועלכער עס ברענט אַ ליכט.

דער פעטער רוקט זיך אַרויס אין דרויסן מיט אַ זמר'ל אין נאָז און באַלד זעט זיך דורכ'ן פענסטער, ווי ער שווימט אין אַ שמאָל געסעלע מיט זיינע וואַטע-פיס און דרייט פון רחבות דאָס שטעקעלע אין דער האַנט. אין קיך האָקט עפּעס די מומע מיט גרויס פלייס, קענטיק פאַר'ן גאַסט. אַרום משה'לען דרייט זיך די באָבע, ווי אַ מעכאַנישער מענטש, ווי אַ צווייפיסיקער שטול און פון מויל פאַלן איר קייענדיקע ווערטער:

— אַמאָל, קינד מיינס, אַ גביר'טע געווען... פינפאונדרייסיק בהמות געהאַט... רויטע, ווייסע, שוואַרצע... אין אַ וואַלד געלעבט, אין אַ גרויסן געדיכטן וואַלד, ביים גראַף לאַסקע... אייגענע בינען געהאַט, אייגענע ענטלעך, אַן אייגענעם טייך... און אַ מיל אויפ'ן טייך... דעם זיידן האָט קיין פויגלמילך נישט געפעלט... אין שטוב האָט גאָלד געברונען, ווי די שררות האָט מען געלעבט... אַי, מיין קינד, מיין קינד!

די קייענדיקע ווערטער פאַלן און פאַלן, ווי ווייכע שטיינ-דעלעך אויף אַן אָנגעצויגענער טוך. משה'לע קוקט איר אַריין אינ'ם אַלטן פאַרמעטענעם פּנים, און דורך עפּעס אַן אינסטינקט שפּירט ער, אַז דידאָזיקע זקנה, פון וועלכער עס שמעקט מיט יע-נער וועלט, איז דער שטאַם פון יענעם אַלטן בוים, אויף וועל-כן ער זיצט ערגעץ אין דער-הייך, ווי אַ קליין גרין צווייגעלע. עס וואָלט געווען גוט זיך איינצווזינקען מיט'ן אָרעם אין איר וואַ-רעמע אַלטקייט אַריין, פונקט ווי אין אַן אייביקייט, אָבער דידאָ-זיקע אייביקייט האַלט זיך קוים אויף די פיס און דער קאָפּ שאָקלט זיך איר, ווי אַ הערבסטבלאַט אין ווינט.

— פינפאונדרייסיק בהמות, מיין קינד...— שיטן זיך איר אַלץ די ווערטער פון מויל, וואָס האָט שוין קיין איין צאָן נישט,— קעז און פּוטער און מילך... אויף שבת פלעגט מען שעכטן אַ קעלבל...

די ווערטער שיטן זיך שוין נישט, נאָר זיי פאַלן ווי דושנע וויקל-טיכער, און דידאָזיקע וויקל-טיכער וויקלען און וויקלען אים

אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף, און מיטאַמאָל דערשפּירט ער, אַז עס פֿאַרפֿעלט אים אָטעם און קאַלטע טראָפּנס שווייס טרעטן אים אַרויס אויפֿ'ן שטערן. מיט די לעצטע קרעפֿטן, מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען רייסט ער זיך אַרויס פֿון איר כּישוף, דערווייטערט זיך פֿון איר אויף עטלעכע טריט און דעמאָלט טרעפֿט ער זיך אָן מיט אירן אַ קוק, וואָס ער וועט אים שוין קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. דאָס איז געווען אַ קוק פֿון אַ דרייאונניינציק־יעריק אויג, אין וועלכן עס האָט זיך פֿאַרזאַמלט דאָס גאַנצע ביסל לעבן און ליבע פֿונ'ם האַלב־אָפּגעשטאָרבענעם גוף. און דערדאָזיקער קוק האָט אים אַזוי ווי דורכגעשניטן דאָס אויג און אַריינגעשטאָכן טיף אין דער נשמה אַריין. משה'לע איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרשטיינערטער, און די באָבע האָט זיך אומגעדרייט ווי אַ טישל, און מיט נישט־געבויגטע קני זיך אַנידערגעזעצט אויף דער מיט צעראַטע באַצויגענער קאַנאַפּע.

משה'לע קומט צו זיך, ווען אין שטוב פֿאַלן־אַריין דעם פּעטערס קינדער — צוויי יינגלעך מיט אַ מיידל. אַלע דריי צעקושן זיך שנעל און שטום מיט משה'לען. נאָכדעם שמייכלען די יינגלעך פֿאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזטע רויט־האָריקע קעפּ, ווי ביי אַלע קליינשטעטלשע ייִדן, און דאָס מיידל שטעלט זיך פּלוצלינג אַוועק פֿאַר'ן וואַנט־שפּיגל, לייגט־אַריין אַ שפּילקע אין מויל און הייבט־אויף די הענט צו די האָר. אין די אָפֿענע פֿענסטער טריפֿט אַ ווייך ווינטעלע, ערגעץ ברומען מידע בהמות, דאָס נאָענטע קלויס־טערל גיסט־אָפּ דעם פֿאַרטראַכטן דרויסן מיט איינטאָניקע באַסיקע קלאַנגען, די רויטע שטראַלן לעשן זיך און די שטוב ווערט אָנגע־גאָסן מיט יענעם וואונדערלעכן ליכט, וואָס איז ענלעך צו אַ וואַסערל אין אַ שאָטן און וואָס האָט די אייגנשאַפֿט צו לינדערן אַ בייז האַרץ. אין דעמדאָזיקן ליכט קאָן מען אַלץ גוט און דייטלעך זען, אָבער אין דער אייגענער צייט שפּירט מען זיך עפּעס באַשיצט און פֿאַרבאָרגן אונטער אַ זיידענעם טונקעלן פֿליגל.

די באָבע דרעמלט מיט'ן שטעקן אין האַנט און די ברוסט באַוועגט זיך איר נישט. אָדער דאָס איז אַ מענטש, אָדער אַ גע־שטאַלט פֿון יענער וועלט. מען קאָן נישט וויסן, ווער און וואָס דאָ

זיצט. אָבער פאַרוואָס ציט אַזוי משה׳לען צו איר, פאַרוואָס קאָן ער נישט אָפּרייסן זיינע אייגלעך פון דעם הויפן ביינער און דעם גראָבן שטעקן צווישן די קני? פאַרוואָס שניידט זיך אים אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין זכרון איר לעצטער קוק?

פון קיך קומט־אַריין די מומע מיט טיי און צוקער־לעקעכלעך. זי שווערעוועט די ליפּן און רעדט זייער פריינטלעך:

— געניס עפּעס, משה׳לע, געניס עפּעס דערוויילע, שעם דיך נישט...

עס ווערט פינסטער, כאָטש דרויסן איז נאָך צעגאָסן דאָס ליכט, און איבער׳ן צלמ׳ל פון קלויסטערל וואַקסן־אויס דריי נידעריקע קליינשטעטלדיקע שטערנדלעך. דידאָזיקע שטערנדלעך ווינקען צו משה׳לען גלייך אין אויג אַריין, פונקט ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפ׳ן הימל מיט אַ דירעקטער שליחות צו אים, אָבער ער פאַרשטייט נישט זייער לשון. קוקט ער אַרויס צו זיי און זעט, ווי עס לעשט זיך צאַרט און שטיל דאָס לעצטע טאָג־ליכט צווישן די נידעריקע וואָלקנדלעך און ווי לייכטע אָוונט־שאָטנס וויקלען זיך אַרום די הייזלעך און דעם קלויסטערל. די אייגענע שאָטנס וויקלען זיך אויך אין אים און עס ווערט אים וואונדערלעך גוט און רואיק אויף דער נשמה. וואָס עס געשעט וואָלקנדלעך, דאָס געשעט אויך מיט אים, פונקט ווי אייביקע פעדים וואָלטן אים געבונדן מיט זיי. און מיטאַמאָל דערפילט ער יענע זיסע שפּירונג, וואָס ער האָט שטענדיק ווען ער דאַוונט נישט־געאיילט און ריין, ווען זיין האַרץ גיסט זיך אַריין אין די ווערטער, און צווישן די שאָטנדיקע וואָלקנדלעך שווימט־אַרויס שיינדעלעס פּנים מיט פאַרבענקטע אויגן און אים דאַכט זיך, אַז ער הערט אַ ווייט שעפּטשען:

— משה׳לע, זאָלסט מיך ליב האָבן... זאָלסט מיך ליב האָבן...

די באָבע עפנט די אויגן, ווי אַ מענטש וואָס האָט נישט געשלאָפן. זי הייבט זיך אויף פון קאַנאַפּע מיט נישט־געבויגטע קני און גייט־צו צו משה׳לען מיט אַ גוף וואָס לעבט שוין נישט. פּאַמעלעך לאָזט זי אַראָפּ איר קאָפּ צו אים, טונקט־איין אין אים

אירע אויסגעלעבטע, אויסגעקוקטע אויגן און רופט זיך אָן צו אים מיט איר קייענדיק לשון:

— נו, וואָס טראַכסטו, מיין קינד?...

און ער דערפילט איר ביינקע האַנט ביי זיך אויפ׳ן האַלדז: דער באָבעס קאַלטע פינגער גלעטן אים. משה׳לען דאַכט זיך, אַז דער אַלטער אָפּגעלעבטער שטאַם וויל משיג-זיין דאָס יונגע גריינע ייגעלע.

— איך טראַכט נישט, באָבע... — זאָגט משה׳לע, אַ פאַרשעמ-טער: — איך קוק אַזוי אין דרויסן.

און די באָבע בייגט זיך-צו נאָך נענטער:

— איז דיר אומעטיק?

— ניין...

די באָבע דרייט זיך ווידער אויס ווי אַ טישל, גייט-צו מיט נישט-געבויגטע קני צו דער שוועל פון דער קיך און הייסט אָנ-צינדן די לאָמפּ.

אין שטוב שווימט-אַריין דער פעטער מיט נאָך אַ פעטער, וואָס הייסט חיים, און זיינע קינדער. מען איז געקומען זען דעם גאַסט. דער אַנדערער פעטער איז אויך אַ געלער, אָבער ער האָט זייער אַ ברייטע און זייער אַ לאַנגע גוט-צעקאַמטע באָרד, וואָס ליגט אים אויף דער ברוסט, ווי אַ קליינע געלע קאָלדרע. פון אונטער׳ן שטערן קוקן אים אַרויס צוויי יונגע בלאָע לאַכנדיקע אויגן. אונטער די אַרבל האָט ער מאַנזשעטן, אונטער דער באָרד — אַ מאַנישקע. בכלל מאַכט ער אַן איינדרוק פון אַ ייִד, וואָס האָט זיך ליב צו פּוצן. אייגנטלעך איז ער שטאַרק ענלעך צו משה׳לעס טאַטן, אָבער ער איז ייִנגער, שענער און רואיקער פאַר אים. ער האָט אויך אַ זמר׳ל אין נאָז, אָבער דאָס איז אַ באַ-שטימט זמר׳ל — די טראָפּ פון דער תורה. ער איז דער שטעטלשער בעל-קורא, און טיילמאָל אין אַ מיטן שמועס, פּאָרט ער פלוצלינג אַרויס:

— צו את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך, כתית למאור...

משה׳לען איז ער באַלד, פון דער ערשטער מינוט, געפעלן. די בלאָע אויגן, די גרויסע באָרד, דאָס זמר׳ל אין נאָז און די

רואיקע באַוועגוגגען דערוועקן צו זיך עפּעס אַ לייכטע באַציהונג און מען באַדאַרף זיך גאָרנישט שעמען פאַר דעמדאָזיקן ייִד. דאָס איז אַ ייִד, וואָס מען קאָן זיך אים קענטיק אַנידערזעצן אויף די קני, ווי בײַ אַן אייגענעם טאַטן, און מען קאָן מיט אים רעדן אַלץ, וואָס עס קומט אויף דער צונג. די ווערטער באַדאַרף ער נישט קלויבן, ווי ער טוט עס מיט גרויס שוועריקייט, בשעת ער רעדט מיט דער מומען אָדער מיט דעם ערשטן פעטער.

— געווען גוט צו פאָרן, האַ? — נעמט ער אים אַריין צווישן די קני און קוקט אים אָן מיט לאַכנדיקע, ייִנגלש־שטיפערישע אויגן.

— איך האָב געזען אַסך וועלדער און טייכן!... זאָגט משה׳לע אַרויס שטיל און ערנסט, פּונקט ווי ער רעדט מיט שיינדעלען.

לייגט אים דער פעטער צו צום אויער די לאַנגע באָרד מיט עפּעס אַ ריח פון אַ מאַנסביל און פרעגט זייער שטיל, ווי אַ ייִנגל בײַ אַ ייִנגל:

— נו, און אַ בער האָסטו געזען?...

דערהערט דידאָזיקע פראַגע, דערשפּירט משה׳לע זייער אַ שטאַרקע נויטווענדיקייט צו זאָגן עפּעס אַ ליגן. פאַרטראַכט ער זיך עטוואָס און רופט זיך אָן:

— איין בער האָב איך געזען... איין בער... נעבן אַ קרע־טשמע... אינמיטן אַ וואַלד. ער איז געשטאַנען מיט גרינע גלע־זערנע אויגן און...

— און האָט דיך געוואָלט אויפעסן?... כאַפּט־אונטער דער פעטער מיט אַ ייִנגלשן געלעכטער.

און האָט מיך געוואָלט אויפעסן... — זאָגט משה׳לע ווייטער, פילנדיק ווי דער ליגן צעוואַקסט זיך. — האָב איך מיך זייער דערשראָקן. אָבער קושע דער בעל־עגלה האָט גענומען שמייסן דאָס פערד און שרייען און מיר זענען ניצול־געוואָרן...

— אויב אַזוי, האָסטו דאָך געוויס געזען אַ וואָלקעלאַק אויך? — פרעגט ווייטער דער פעטער.

— אַ וואָלקעלאַק? — פאַרטראַכט זיך משה׳לע און שפּירט שוין כמעט נישט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן. — נו אוודאי,

אַ וואָלקעלאַק האָב איך אויך געזען. ער איז געהאַנגען אויף אַ בוים...

— אַליין, צי מיט כּת־לצנים...

— פריער אַליין, דערנאָך מיט כּת־לצנים...

— כאַ־כאַ־כאַ!... — צעלאַכט זיך דער פעטער מיט אַ מאָדנעם פאַרבאָרגענעם און רעטענישליכן געלעכטער, פונקט ווי ער וואָלט מיט'ן יינגל געפירט עפּעס אַ שמועס פון געהיימע פאַרשווערער.

— אָבער, פעטער, איך האָב געזען אַ מכשפה אויך, — צעשפּילט זיך שוין אין משה'לען די פאַנטאַזיע: — פאַרטאָג האָב איך זי געזען... פון אַ ווענדל איז זי אַרויס... מיט אַ שוואַרצער טוך איבער'ן קאָפּ און מיט קרומע פיס...

— פאַרטאָג, זאָגסטו? די הענער האָבן שוין געקרייט?

— ניין, די הענער האָבן נאָך נישט געקרייט...

משה'לע מיט'ן פעטער קוקן זיך איבער ווי צוויי פאַרשווערער; דער פעטער קוקט פון אויבן־אַראָפּ, דאָס יינגל פון אונטן־אַרויף. אינ'ם פעטערס אויגן שפּרינגען־אום שפּיציקע פייערלעך, ווי ביי אַ מענטש, וואָס וויל לאַכן און האַלט זיך איין, אָבער פּלוצלינג פאַטשט ער משה'לען אָן אויפ'ן אַקסל און נעמט לייענען די תורה:

— כּן בּנות צלפחד דברת, נתן תתן להם אחזת נחלה...

דער פעטער חיים הייבט זיך אויף, און משה'לע דערשפּירט מיטאַמאָל, אַז ער, משה'לע, האָט גערעדט נאַרעשקייטן און ליגנס. אָבער ער שעמט זיך עפּעס נישט, עס אַרט אים נישט, פונקט ווי דער פעטער חיים וואָלט געווען אַ יינגל, מיט וועלכן עס איז אַזוי גוט צו רעדן נאַרעשקייטן און ליגנס.

דעם פעטער חיים'ס קינדער קוקן אויף משה'לען פרעמד און צוריקגעהאַלטן, אָבער אין דערדאָזיקער פרעמדקייט שפּירט זיך דאָך פאַרבאָרגענע ליבע פון אייגן בלוט. דאָס זענען אַכט שיינע מיידלעך, און משה'לע ווייס, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ ניינטע, וואָס הייסט טעמעלע. די מיידלעך רעדן און לאַכן און קוקן אויפ'ן גאַסט. משה'לע שפּירט, אַז דאָ, וואו זיי זיצן, מוז זיין וואַרעם, אָבער ער שעמט זיך צוצוגיין צו זיי, די מומע טראָגט פון דאָסניי

אַריין טיי מיט צוקער־לעקעכלעך און איבער דער שטוב צעטראָגן זיך צוויי זמר'לעך: ביידע פּעטערס זינגען אונטער דער נאָז. אין דרויסן איז שוואַרץ און אין דערדאָזיקער שוואַרצקייט ליגען קליינע הייזלעך און קוקן מיט ליכטיקע פענסטערלעך, פּונקט ווי שוואַרצע קעץ מיט געלע אויגן. אין הימל בלינצלען שטערנדלעך און דאָס ליכט טריפט פון זיי, ווי גאָלדענע שנייעלעך.

משה'לע טרינקט שוין ווידער טיי צוזאַמען מיט די פּעטערס און שוועסטערקינדער. ער זיצט נעבן אַכט בלאָנדע מיידלעך און עס איז באמת וואַרעם נעבן זיי. אַלע אַכט מיידלעך האָבן ווייסע ציין און בלאָע אויגן. בשעת זיי לאַכן, בלענדט דאָס אויג פון דער ציין־ווייסקייט און עס דאַכט זיך, אַז זיי האַלטן שטיקעלעך שניי אין מויל. די פּעטערס שמועסן איצט מיט אַ געוויינטער לאַנג־ווייליקייט, וואָס שטערט זיי קענטיק נישט, פון די פיינשטיינס, די רייכסטע פאַמיליע אין שטעטל, פון עליות, פון שדכנות, פון נאַפט, קעלבער און געטריקנטע יאַגדעס. ווײַלעוויִיז הייבט זיך־אויף די באָבע מיט נישט־געבויגטע קני און דרייט זיך אַרום טיש מעכאַניש, ווי אַ געמאַכטער מענטש. מיט אַלטע אויסגעקוקטע אויגן קוקט זי אָן די קינדער און די אייניקלעך און וואַרפט באַזונדערס וואַרעמע בליקן צו משה'לען. דאָס ערשטע גלאָז טיי האָט מען איר דערלאַנגט, אָבער זי האָט נאָך אַלץ נישט געטרונקען. איר האַנט, וואָס טראָגט דאָס לעפעלע טיי צו די ליפּן, ציטערט אַזוי, אַז דער טיי גיסט זיך אויס אינגאַנצן און צו די ליפּן קומט אַ טרוקן לעפעלע. פּרובט זי אָנבויגן דעם קאָפּ צו דער גלאָז, אָבער דאָס העלפט אויך נישט: דער קאָפּ שאָקלט זיך אויך אַזוי שטאַרק, אַז די ליפּן קאָנען נישט אָננעמען דעם ברעג פון גלאָז. ד'עמאָלט ווערט נמאס דער באָבען צו מוטשען זיך, הייבט זי אויף די אַלטע אויגן און קוקט בעסער אויף די קינדער, און אַ שמייכל, אַ לאַנג אָפּגעלעבטער שמייכל פּרובט זיך אַדורכגנב'ענען דורך אירע אַלטע טויטע ליפּן און דורך דער אַלטער הויט פון פּנים.

— דו ביזט אַלעמאָל אַ שעמעוודיקער? — פרעגט משה'לען דעם פּעטער חיים'ס עלטסטע טאָכטער.

זי איז אַ הויכע איבערגעוואַקסענע מויד און האָט שוין אַ

אַ חתן. פון אירע אויערן בלישטשען־אַרויס קליינע אוירינגלעך, און ברייט־מאַמעדיק זיצט זי ביים טיש.

— פאַרוואָס שווייגסטו? — פרעגט זי נאָכאַמאָל — זאָג, דו ביזט אַ שעמעוודיקער?

— יאָ... — ענטפערט משה׳לע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט רויטע פלאַמענדיקע בעקלעך.

די מיידלעך צעלאַכן זיך, אָבער משה׳לע שפירט פון זיי דעם ריח פון אייגן בלוט. אין אַ ווײַלע אַרום שמועסט ער מיט זיי פון אַ צירק, וואו ער איז קיינמאָל נישט געווען, און ער האַלט זיך גאַנץ פריי. מיט יעדער מינוט ווערט ער נענטער צו זיי און זיי נענטער צו אים, און איצט דאַכט זיך אים, אַז דאָס זענען זיינע שוועסטער.

— משה׳לע, מאָרגן זאָלסטו קומען צו אונדז, דו הערסט? — רופט זיך אָן אַן אַנדער מיידל. — מיר וועלן גיין זען דעם טייטש אויפ׳ן שטריק. דאָ וועט גיין אַ טייטש אויפ׳ן שטריק...

— ווען? — פרעגט משה׳לע שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— אין אַ פּאָר טעג אַרום. אָבער דו זאָלסט קומען צו אונדז מאָרגען.

— גוט, — ענטפערט משה׳לע און פילט זיך ווי אין אַן אייגע־נער סביבה.

פאַר דער גאַנצער צייט שפירט מען נישט די מומען. דאָס איז אַ שטילע יידענע, וואָס איז געוויינט צו דער קיך און צו פראַצע. אויף דער באַק האָט זי אַ גרויסע בראָדאַווקע און האַלט שטענדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און די הענט, ווי אַ האָרעפּאַשנער מענטש.

ביידע גע׳לע פעטערס הייבן זיך אויף און קוקן זיך אָן, ווי יינגלעך פאַר אַ שפּיל. נאָכדעם נעמט דער פעטער חיים אין איין האַנט דעם שטעקן, די צווייטע, אַ ווייכע און אַ וואַרעמע, דער־לאַנגט ער משה׳לען און זאָגט „אַ גוטע נאַכט". דאָס אייגענע טוען באַלד אַלע אַכט מיידלעך און אַז זיי גייען־אַרויס פון שטוב, ווערט אַזוי שטיל, פונקט ווי פופציק מענטשן וואָלטן מיטאַמאָל פאַר־לאָזט זייערע ערטער און ערגעץ אַנטרונען געוואָרן. די נאַכט אין

דרויסן ווערט אַזוי ווי שוואַרצער, אַרומגעשלאָסענער, דאָס פייער אין לאָמפּ ווערט אַזוי ווי קלענער און דער מומעס הענט קלאַפּן שוין ערגעץ אין שלאָפּצימער איבער קישנס און פערענעס. אין שטוב איז שטיל און עס שווימט נאָר ארום, ווי אַ גרויסע פליג, דעם פעטערס גאָו-זמר׳ל. זיינע ייִנגלעך זיצן מיט פאַרשלאָפענע אויגן און פאַרקוועטשטע ליפּן און דאָס מיידל שטייט פאַר׳ן וואַנט-שפּיגל מיט שפּילקעס אין מויל און לאָזט זיך פונאַנדער די האָר. פון שלאָפצימער דערנענט זיך די מומע מיט אירע קלאַפּנ-דיקע הענט. באַלד מאַכט זי אַ ברייט הויך געלעגער נעבן פענסטער און קלאַפּט עס צו. דאָס איז אַ געלעגער פאַר משה׳לען.

— דו וועסט דאָ שלאָפן, משה׳לע, — זאָגט די באָבע מיט איר קייענדיקן קול און גיט אים אַ קוש אין קאָפּ. — ביי אַייך לייענט מען קריאת-שמע פאַר׳ן שלאָף? לייען דאָ אויך, משה׳לע, מויל זיך נישט.

צענטעס קאַפּיטל.

די באָבע גייט=אַרויס פון צימער פּאַוואָליע, לאַנגזאַם, מיט אירע נישט-געבויגטע קני און דער פעטער מאַכט-צו די פענסטער.

— דו ווייסט, משה=געצעלע, — ווענדט ער זיך פלוצלינג צו משה'לען און לייגט אים צו אַן איבעריקן נאָמן, — ביינאַכט וועט זיין אַ שלאַקסרעגן... אַלע שטערן זענען צעלאָפן געוואָרן, ווי הי-נער פאַר אַ קאַץ...

און צעלאַכט זיך מיט פאַרקוועטשטע אויגן.

משה'לע פאָלגט דער באָבען, און אַז ער לייגט זיך אויף זיין ווייכן געלעגער, מאַכט ער צו די אויגן און לייענט קריאת-שמע מיט אַ ריין האַרץ. נאָכדעם באַפאַלט אים אַ געדיכטע שטילקייט צוזאַמען מיט אַ געדיכטער שוואַרצקייט פון אַ קליינשטעטלדיקער זומערנאַכט און ער ווערט תיכף איינגעשלאָפן. אים חלומ'ט זיך אַ וואָלקעלאַק מיט היגערשע פיס און מיט אַ גרינער צונג, אַ וואַלד מיט דריי בערן און אַכט מכשפות מיט רויטע פייערלעך אין די הענט אין אַ געדיכט שוואַרצער נאַכט, וואָס ליגט פאַר די אויגן ווי אַ באַרג פעך. פלוצלינג שפרינגט-אַרויף דער וואָלקעלאַק אויף

די מכשפות, פאַרלעשט זיי די פייערלעך אין די הענט און הייבט אָן קלאַפּן אין אַ פּויק. די קלעפּ זענען אָבער אַזוינע שטאַרקע און שרעקלעכע, אַז די ערד וויגט זיך און זינקט-אַראָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אָפּגעריסן פון איר שטענדיק אָרט און פאַלט-אַראָפּ ערגעץ אין אַ תהום. משה׳לע וויל אויסשרייען, אָבער באַלד רייסט ער אויף מיט כח די אויגן, פּונקט ווי עמעץ וואָלט זיי אים פריער פאַרקוועטשט, און דערזעט מיט אַמאָל, אויף איין רגע, אַ בלענד-ליכטיקן דרויסן, וואָס ציטערט פון אימה׳דיקע קלעפּ, פּונקט ווי מיליאָנען ריזן וואָלטן זיך געראַנגלט אין דער לופטן, און אין דער ליכטיקייט, וואָס איז צעגאָסן אַרום זיין געלעגער, באַוועגט זיך עפּעס אַ שוואַרצע פיגור מיט אַ ברענענדיק ליכט אין דער האַנט. אַ ווייַלע דאַכט זיך אים, אַז די ערד זינקט נאָך אַראָפּ, ווי פריער אין שלאָף, און אַז די שרעקלעכע קלעפּ אין דרויסן זענען דעם וואָלקעלאַקס, וואָס קלאַפּט אין פּויק. אָבער די ליכטיקייט ווערט באַלד אַנטרונען, ווי אַ פאָך פון אַ פליגל, און אַז די קלאַפּעריי ווערט שטילער, דערהערט ער, ווי אַ שלאַקסרעגן, געוויגט פון ווינט, פּאַטשט די פענסטער מיט אַ געוואַלטיקער קראַפט. אַ ווייַלע איז שטאַרקער די קלאַפּעריי, אַ ווייַלע דער שלאַקסרעגן, פּונקט ווי ביידע וואָלטן זיך טוישן איינע נאָך די אַנדערע, און אַלע צוויי מינוט ווערט אָפּגעגאָסן די וועלט מיט אַזאַ אימפּעט-ליכט, אַז מען קאָן זען יעדעס טראָפּעלע רעגן.

עמעץ אַ שוואַרצער, מיט אַ געלער פלאַם פון א ליכט, בייגט זיך אָן צו אים, און משה׳לע דערקענט די באָבען.

דו שרעקסט זיך?... — הערט ער איר קייענדיקן לשון צוזאַמען מיט אַן אָטעם פון יענער וועלט — שרעק זיך נישט... נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן, מיין קינד... גאָט איז אַ גוטער. גאָט טוט אַלץ פון דעם מענטשנס טובה וועגן... שלאָף, שלאָף, משה׳לע, אויב דו וועסט, וועל איך זיצן נעבן דיר...

משה׳לע ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. איין זאַך איז קלאָר, אז ער שרעקט זיך, און אין דעם שלאַקסרעגן, וואָס איז געמישט מיט דונערן און בליצן, זעט אים אויס דאָס הייזל, ווי אַ פּאַפּיר-הייזעלע וואָס קאָן אַ ליאַדע מינוט אומפאַלן. אים דאַכט זיך, אַז

די ווענט וויגן זיך, אַז די פּאָדלאָגע טאַנצט און די פענסטער בייגן זיך אויס, ווי שטרוי אין אַ ווינט. אויסערדעם פעלן דאָ קיין וואָלקעלאַקעס אויך נישט. אָט שפּרינגט־אום איבער דער וואַנט אַ וואָלקעלאַק מיט אַ גרינער צונג און אַ צווייטער גייט איבער׳ן באַלקן מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ. אונטער משה׳לעס האָר לויפט־אָן אַ קאַלטער שווייס און דער אָטעם האַקט זיך איבער. ער וויל עפּעס זאָגן דער באָבען און קאָן נישט, אָבער אַז ער באַהערשט זיך עטוואָס, רופט ער זיך אָן צו דער באָבען שטיל און איינפאַך:

— באָבע, איך שרעק מיך...

דעמאָלט זעצט זיך אַנידער די שוואַרצע פיגור אויף זיין געלעגער מיט׳ן שטעקן אין איין האַנט און מיט׳ן ליכט אין דער צווייטער. די דונערן און בליצן הערן נישט אויף, דער שלאַקסרעגן פּאַטשט דאָס הייזל און די ערד נאָך שטאַרקער, נאָך געדיכטער. די וואָלקעלאַקעס מיט די גריבע צינגער מערן זיך און עס גלויבט זיך נישט, אַז דידאָזיקע שוואַרצע פיגור מיט׳ן שטעקן און ליכט אין די הענט זאָל קאָנען באַשיצן פון זיי. אָבער אַ וואַרעמקייט גייט פון איר אויף, אַזוי ווי די וואַרעמקייט פון אַ פּאַר׳עקשנ׳טן שטאַרקן מענטשן וואָס שטייט אויף דער וואַך, און משה׳לע שפּירט, אַז זי באַשיצט יאָ, אַז דער פּחד טרעט־אָפּ. פּאַמעלעך און זאַכט ווערט איינגעזונקען זיין יונג און מיד מח׳ל אין דעם שוואַרצן רויך פון שלאָף.

צומאָרגנס שטייט ער אויף געזונט און פריש אין אַ שטוב מיט אַסך זון, און אַז ער כאַפּט זיך אַראָפּ פון געלעגער און קוקט־אַרויס פון פענסטער, זעט ער, ווי די שטיינער אין געסל זענען אַרויסגערוקט פון זייערע ערטער און אַז די ווענט פון הייזער, וואָס שטייען אין שאָטן, זענען באַדעקט מיט גרויסע רעגן־פלעקן. אָבער אויף אַלץ ליגט עפּעס אַ גלאַנץ פון אַ ניי און פריילעך לעבן. הינער, הענער, הינט, קעץ און חזירים און ציגן שפּאַצירן איבער׳ן געסל און זוכן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אין דער פרישער אויסגעפּאַטשטער ערד. אונטער׳ן הימל דרייען זיך טויבן און שוואַלבן און די לופט איז קלאָר און ריין, פּונקט ווי אַן אויסגעוואַשענע. עס איז אָנגענעם איינצואָטעמען דידאָזיקע לופט,

אין וועלכער עס שפּירן זיך די קילע גראָז־ריחות פון אַ קליין שטעטל.

עס איז נאָך אייגנטלעך גאַנץ פרי, אָבער דער פעטער שווימט שוין אַריין פון גאַס מיט אַ זמר'ל אין נאָז. ער ציט די עקן באָרד און שמייכלט צו משה'לען מיט פאַרקוועטשטע אויגן.

— האָסטו שוין געדאַוונט, משה־ירוחמ'ל? — גיט ער אומגע־ריכט אַ פרעג און שווימט תיכף ומיד אַריין אין צווייטן צימער.

די מומע בראָקט און קלאַפּט אין קיך, פּונקט ווי אַ מאַשין, און באַלד קומט אַריין די באָבע מיט דעם פעטערס קינדער, און עס הייבט זיך אָן דער טאָג. די נעכטיקע פרעמדקייט איז אַנטרונען געוואָרן, און דעם פעטערס קינדער באַגעגענען אים, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, אָבער מיט יענעם שמייכעלע אויף די ליפּן, וואָס אַזוי קאָן נאָר שמייכלען אייגן בלוט צו אייגן בלוט.

משה'לע שטעלט זיך אַנידער דאַוונען און סטאַרעט זיך נישט צו טראַכטן פון זייטיקע זאַכן. דאָס איז נישט לייכט. דער קאָפּ און דאָס האַרץ זענען פול מיט אַיינדריקן, וואָס שוימען אין אים גאָר אָן זיין רצון. אָבער אַ שטיק רואיק האַרץ גיט ער פאָרט אַוועק דעם דאַוונען, אַ שטיק רואיק האַרץ, וואָס ליגט אין אים ערגעץ, ווי אַ גרין אינזעלע צווישן שוימענדיקע כוואַליעס. נאָכ'ן דאַוונען קוקט ער בעסער אַרום די שטוב, און אַז ער גייט צום ערשטן מאָל אַריין אין צווייטן צימער, דערזעט ער פאָליצעס מיט ביכער, פּונקט ווי ביים טאַטן. אָבער דאָס זענען אַנדערע ביכער— יידעשע, אויף עברי־טייטש. עפענט ער איין בוך אין אַ שיינעם אַיינבונד, לייענט ער: „אַ פריש, געשמאַק ווינטעלע האָט פאַמע־לעך געבלאָזן און פון די וואָלקנס, פונ'ם שטורמווינט איז נישט געווען אפילו קיין זכר. דער אָפּגע'טובל'טער אויסגעפּוצטער וואַלד איז געשטאַנען ווי אַ חתן־בחור אין אַ נייער גרינער זופּעצע, גע־מאַכט ערשט איי פריילינג, און געשיינט, געלויכטן, ווי דער ליכ־טיקער מאָרגנשטערן, וואָס האָט, לויפנדיק פאָראויס, געבראַכט די פריי[illegible]ע בשורה, אַז אָט באַלד קומט צופאָרן די זון — די טייערע גאָ[illegible]דענ, [illegible]חותנת'טע, און די חתונה וועט זיך אָנהייבן... וואָס איז דאָס פאַר [illegible] בוך? וואָס זענען עס פאַר אַ ווערטער? גאָר פריש

גאָר נײַ קלינגט עס אים, פּונקט ווי אַ מכשף וואָלט אים אַרײַנגעצויגן אין אַן אַנדער וועלט. עפֿנט ער אויף אַ צווייט דיק בוך, לייענט ער ווידער:

איז געווען אַמאָל אַן עילוי,
נישט געקענט די וועלט אפילו,
נישט געווען אין קלאַס.
פֿרום דער טאַטע, פֿרום די מאַמע,
די משפּחה — לומדים סאַמע,
גאָר פֿון עקסטען פֿאַס...

משה'לע קומט ערשט צו זיך, ווען ער האַלט שוין אין האַנט דאָס דרײַסיקסטע בוך. דאָס בלוט ברענט אין אים: ל ײ ע נ ע ן. אָבער וואו קאָן מען דאָ לייענען? אָט איז די באָבע. אין אירע אַלטע אויסגעקוקטע אויגן איז צונויפֿגעזאַמלט דאָס לעצטע ביסל לעבן און ליבע און זי קוקט אויף אים ווי דרײַ מאַמעס צוזאַמען, זי קוקט אויף אים — און עס דאַכט זיך, אַז זי וויל אים אַרײַננעמען אין זיך, אין איר אַלטן גוף אַרײַן, פּונקט ווי אין אַ שטיבעלע, און פֿאַרשליסן אים דאָרטן און פֿאַרבאָרגן, אַז קיינער זאָל אים נישט אַרויסזען. און משה'לען זעט זי שוין נישט אויס אַזוי אַלט און ער שפּירט שוין אויך נישט אַרום איר דעם ריח פֿון יענער וועלט. איצט שפּירט ער שוין פֿון איר דעם ריח פֿון זײַן אייגענעם טאַטן און דעם ריח פֿון זיך און זײַן היים, וואָס איז, קענטיק, אומבאַמערקט איבערגעטראָגן געוואָרן פֿון דאַנען אַהין. און ער ווייס שוין פֿאָראויס, אַז ער האָט זי ליבער פֿון טאַטן און דער מאַמען, אַז ער האָט זי ליבער פֿון זיך אַליין און פֿון אַלץ אין דער וועלט. עס איז גוט צו זיצן נעבן איר, ווי עס איז גוט צו שפּירן, אַז מען איז ערלעך, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אַז אין דרויסן שײַנט גאָטס זון. און עס איז גוט צו הערן איר אַלטן קייענדיקן לשון, ווי עס איז גוט צו הערן פֿלייט און אַ טרעל פֿון אַ פֿרימאָרגן-פֿויגל. צוליב דער באָבעי [illegible], האָט זיך געלוינט צו קומען, צוליב דער באָבען אַליין איז [illegible] געווען די נסיעה.

און דאָס, וואָס די באָבע איז אַלט דרייאונניינציק יאָר, האָט אויך עפּעס אַ גרויסע באַדייטונג פאַר משה׳לען. דרייאונניינציק יאָר קאָן נישט לעבן אַ מענטש, אָבער די באָבע לעבט. די לעצטע יאָרן האָט איר גאָט, קענטיק, ספּעציעל געשענקט, און אַ ליאַדע מינוט קאָן ער זי רופן צו זיך, די באָבע באַדאַרף אַלזאָ נישט קראַנק ווערן, כּדי צו שטאַרבן ווי אַלע מענטשן. די באָבע קאָן נאָר דעמאָלט שטאַרבן, ווען גאָט וועט זי רופן צו זיך; שטייט זי אַלזאָ אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט גאָט, מיט איין פוס אויף דער וועלט און מיט׳ן צווייטן אויפ׳ן הימל, און גאָט האָט זי שטענדיק אויפ׳ן אויג. אויב אַזוי, איז זי דאָך נאָך גרעסער און הייליקער פון אַ צדיק, וואָרום זי געפינט זיך אי אויפ׳ן הימל, אי אויף דער ערד. דאָס אַלץ האָט פאַר משה׳לען גאָר אַ באַזונדער זין. און בשעת ער שטייט נעבן איר, דאַכט זיך אים שטענדיק, אַז אַ האַלבער גוף אירער לעבט אויפ׳ן הימל און דער צווייטער אויף דער ערד.

אירע אַלטע אויגן טונקען זיך עפּעטער איין אין אים, ווי אַ שאָטן אין אַ קלאָר וואַסערל:

— אפשר וועסטו עפּעס עסן?

אין אַ ווײַלע אַרום:

— אפשר וועסטו זיך צולייגן אָפּרוען?

און דערנאָך ווידעראַמאָל:

— דרויסן איז אַ שיינער טאָג, משה׳לע. אפשר וועסטו גיין צום גלח אין גאָרטן?

די אַלטע אויגן טונקען זיך און טונקען זיך אין אים, און אים דאַכט זיך, אַז ער וואוינט אין איר, אין אָט דעם אַלטן גוף, ווי אין אַן אַלט שטיבעלע, און עפּעס אַ וואַרעמקייט, ענלעך צו אַ גרויסן תּענוג, נעמט אים דורך אַלע גלידער.

און עפּטער, בשעת דאָס ייִנגל זיצט פאַרטראַכט איבער אַ ... הייבט זי גאָר אָן דערציילן:

... אַמאָל אין אַ וואַלד געוואוינט, משה׳לע... אַ טייך איז דאָרט ... גאַנגען און אויפ׳ן טייך איז אַ מיל געשטאַנען און אין מי... ... תּבואה געמאָלט... דאָס ראָד האָט געקלאַפּט,

דער שטיין האָט געמאָלט און אַרום דער מיל איז אין הויכן גראָז דער זיידע אַרומגעגאַנגען... יונג איז געווען דער זיידע, אויף אַ פידל געשפילט, און דער פריץ לאַסקע האָט אים זייער טייער געהאַלטן... קיין דאַנציק האָט ער אים איינמאָל מיט אַ שליחות געשיקט... נאָר דו, זאָגט ער, מוזט פאָרן, איך האָב נישט קיין אַנדערן מיט אַזאַ קאָפּ און אַזוי ערלעך... פאָר, זאָגט ער, קיין דאַנציק, נאַ דיר אַ פּאַפּיר... איז דער זיידע קיין דאַנציק געפאָרן און האָט מיר אַ שנירל פּערל געבראַכט... אָבער, משה׳לע, דער זיידע איז שוין לאַנג נישטאָ און די פּערל זענען אויך נישטאָ... דער זיידע איז צו גאָט אַוועק... אַ יונגער צו גאָט אַוועק... איך לעב שוין באַלד דריי מאָל, וויפיל דער זיידע האָט געלעבט... און די פּערל משה׳לע, און די פּערל...

און אַ קלאָרע טרער, ווי אַ טראָפּעלע טוי אויף אַ גראָ צווייגל, איז אַרויסגעפאַלן פון איר אַלט אויג און זיך פאַרהאַלטן אין אַ קנייטש פון די באַקן.

— באָבע... — זאָגט משה׳לע פלוצלינג מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און נעמט אָן איר ביינעקע טרוקענע האַנט.

— וואָס, משה׳לע?

— איך... איך האָב אַייך ליב...

און ביי משה׳לען ווייזן זיך אויך טרערן אין די אויגן.

פּרץ שול

דינעזאָן-שול-פאַרלאַג

װאַרשע

פאַרטרעטער פון דער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע אין װילנע.

אויפ'ן ביכער לאַגער פון דינעזאָן-שול-פאַרלאַג
װערט פאַרקויפט

1) מסירת נפש — י. ל. פּרץ,
פאָלקסטימלאַכע געשיכטן באַאַרבעט פאַר יוגנט

2) יוחנן װאַסערטרעגער — י. ל. פּרץ,
פאָלקסטימלאַכע געשיכטן באַאַרבעט פאַר יוגנט

3) דריי מתנות — י. ל. פּרץ,
פאָלקסטימלאַכע געשיכטן באַאַרבעט פאַר יוגנט

4) זיבן גוטע יאָר — י. ל. פּרץ,
פאָלקסטימלאַכע געשיכטן באַאַרבעט פאַר יוגנט

5) משה'לעס קינדעריאָרן — דוד קאַסעל, 1-טע טייל

6) „ „ „ „ 2-טע „

7) גרינינקע ביימעלעך — אַ צװייװאָכענטליכער זשורנאַל
פאַר קלענערע קינדער ביז איצט זיינען אַרויס 28 נומערן

8) דער חבר — אַ חודשדיקער זשורנאַל פאַר עלטערע
קינדער ביז איצט זיינען אַרויס 7 נומערן

9) די נייע שול — אַ חודשדיקער פעדאַגאָגישער זשורנאַל
צװייטער יאָרגאַנג ביז איצט זיינען אַרויס 7 ביכער

10) שול און היים — אַ חודשדיקער זשורנאַל פאַר עלטערן
ביז איצט זיינען אַרויס 2 נומערן

11) פיזישע געאָגראַפיע—מ. חיימסאָן, 1 און 2 טייל

12) דאָס לעבעדיקע וואָרט—אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר'ן 4 און 5 לערניאָר פון פאָלקס און מיטל שולן

13) די יידישע פאָלקסשאַפונג פון ש. אַנ—סקי

14) טערמינאָלאָגיע פון פיזיק

15) זאַמלונג פון לידער און שפּילן—א. בולקין

16) באָדנקענטשאַפט—אַגראָנאָם—קאדישעס

17) לעבעדיקע קלאַנגען—ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן, א. ב. בוך

18) לעבעדיקע קלאַנגען—ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן כרעסטאָמאַטיע פאַר'ן 1 לערניאָר

19) צום וייטן לאַנד—י. פּאַט, אַ קינדער פּיעסע

20) די געשיכטע פון איב—ש. ידידאָוויטש

21) 2 מעשהלעך—ס. טשאַרני

22) פּרינץ און בעטלער—מ. טווען

23) יונגוואַרג, אַ זאַמלונג מעשהלעך

24) קינדער=טעאַטער

25) די פאַרקישופטע קרעטשמע—ד. טשאַרני

26) אַריטמעטישער רעכנבוך פון ש. באַסטאָמסקי פאַר'ן 1 לערניאָר

(27 „ „ „ „ ערשטער הונדערט

(28 „ „ „ „ ערשטער טויזנט

(29 „ „ „ „ כלערליי צאָלן

(20 „ „ „ „ ברוכצאָלן.

אדרעס פאַר געלט:
I. RAJCHMAN
Grzybowska 15, Warszawa.

אדרעס פאַר בריף:
Wydawnictwo Szkolne im. Dynesona
Warszawa, Dzielna 15.

דער ביכער-לאַגער [illegible] אָפן פון 5—[illegible] יעדן טאָג.